NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13345

DI GESHIKHTE FUN A INDUS

A. A. Fezi-Zhelinskaya

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

א. פצוי-זשילינסקאיא

די געשיכטע פון א אינדוס

צענטרפארלאג * מאסקווע—כארקאוו—מינסק * 1930

א. סעזי-זשעלינסקאיא

די געשיכטע פון א אינדוס

ייִדיש: מ. טײַטש

צענטראלער פעלקער-פארלאג פון פ.ס.ס.ר.
1930 מאסקווע — כארקאוו — מינסק 1930

Главлит А 78221 Зак. 1600 Тираж 5000

Книжная ф-ка Центриздата Народов СССР. Москва,
Шлюзовая набережная, 10.

דער שפּאַציר פֿון מוטי-סינג

אף מײַלן ארום איז די ערד צעטריקנט און גרוי. פֿון די ארומיקע בערג ברייגנט אלע ווײַלע דער הייסער ווינט גאַנצע זײַלן צעבּרענטן שטויב. שווער איז אין אַזאַ צײַט פֿאר א מענשן אף אן אָפֿענעם פּלאַץ, און דעריבער זײַנען ארום און ארום אויסגעשטאָרבּן די וועגן — קיין לעבּעדיקן מענשן איז אף מײַלן ארום ניט צו זען. דאָס קומט פֿאָר אין אינדיע אין מאָנאט מאַי — אין אינדיע איז מאַי דער סאמע הייסער מאָנאט.

און פּונקט אין אזא הייסן טאָג האָט זיך פֿארגלוסט דעם זעמינדאר (פּאָרעץ) מוטי-סינג באַטראכטן זײַנע פֿעלדער.

דער גרויסער גרויער העלפֿאנט פֿון מוטי-סינג האָט דורך די דזשונגליעס (וואלד) געשפּרייזט צום אישעוו סאַטפּור. דער אָנטרײַבער איז געזעסן רײַט דיק אף דער דיקער האלז פֿונם העלפֿאנט און מיט אָפּטע קלעפּ פֿונם שארפֿן העקל האָט ער געפֿירט די קלוגע כאַיע אין ריכ-טיקן וועג. דער זעמינדאר האָט זיך באַקוועם צעלייגט אין דעם באַגאָלדעטן שטול, וואָס איז געווען צוגעשרויפּט צום זאָטל, און האָט רויִק געדרעמלט.

דער העלפֿאנט האָט זיך געשאָקלט אין גאנג מיט זײַן לאַנגער נאָז, און פֿאַרזיכטיק האָט ער מיט זײַן גרויסן קאָפּ געשניטן זיך א וועג צווישן די געדיכטע פּארוואקסענישן אין וואלד. דער וועג איז געווען ניט קיין גרינגער, דאָ א וואסער, דאָרט א בלאָטע, און דער העלפֿאנט איז געקראָכן דאָ אין וואסער, דאָ אין בלאָטע.

— סאָווע דו און סאָוועס געבײַן — פלעגט זיך יעדן מאָל פון לײַכטן דרעמל צום אָנטרײַבער צעשרײַען דער זעמינדאר, ווי גאָר דער העלפאנט פלעגט מאַכן ניט קיין געלונגענעם טראָט אין דער געדיכטער בלאָטע אַרײַן — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַן אָנטרײַבער זאָל פירן זײַן באַלעבאָס אין אַ בלאָטע?!

— עס איז א וואסער אפן וועג, מיין האַר — פלעגט ווי אַ שולדיקער האכנאָעדיק ענטפערן דער אָנטרייבער, — דער העלפאנט וויל טרינקען און אים איז הייס...

מוטי-סינג האָט ניט געוואָלט טרינקען און אים איז ניט געווען הייס. פון די ברענענדיקע זונען-שטראלן איז ער באשיצט געווען מיט אַ זאָנט, און פון בײַסיקן שטויב איז ער באשיצט געווען דורך דעם זײַדענעם שטאָף פון זײַנע בעגאָדים. מוטי-סינג האָט זיך, וויגנדיק אפן העלפאנטס רוקן עפילט אויסגעצייכנט.

ניט אזוי גוט האָט זיך געפילט דער אָנטרייבער. אוי-סער דער שמאַטע, וועלכע האָט זיך געוויקלט ארום זיינע לענדן, איז ער געווען גאָר אַ באַקעטער. ווײַט איז ער גע-ווען אויך פון זאטקײַט — ער איז געווען פּאָשעט הונגע-ריק. עמעס איז אויך דאָס, אַז הונגער איז פאר אים ניט געווען קיין נײַס. האָט ער זיך געקענט דערמאָנען פון ווען עס איז כאָטש איינעם א טאָג אזא אין זײַן לעבן, ווען ער זאָל זײַן ניט הונגעריק? דאכט זיך, אז ניט...

— הער, באַר, דו דאָרטן! פּאָר גיכער, פּאָר! זשאלעווע ניט קיין איבעריקן קלאפּ דער בעהיימע, אַ-ניט וועסט אַליין באַקומען גוטע קלעפּ איבער די פּיאטעס.

דעם זעמינדאר איז געווען גוט אפן האַרצן, און ער האָט זיך געלאָזט וויל גיין...

דער אָנטרייבער האָט געלאָזט אין גאנג זײַן העקל, און דער העלפאַנט האָט פאַרג'כערט זײַן גאנג.

אף דעם העלפאנטס טריט האט זיך בויגנדיק קעסיידער צו דער ערד, געשלעפט אן
אפגעריסענער מענטש

* * *

...און טרעטנדיק אף די שטויביקע טריט, וואָס עס האָט אין דער וואַלד-געדיכטעניש איבערגעלאָזט דער העלפאַנט, האָט זיך מיטן זעלביקן וועג געשלעפּט, בויגנדיק זיך קעסיידער צו דער ערד, אַן אָפּגעריסענער מענטש. אַן אָרעמער און א שמוציקער, האָט ער זיך אַלע ווײַלע א צושראָקענער, באַהאַלטן דאָ צווישן געדיכט-פאַרוואַקסענע שטרויכן, דאָרט אין די געדיכט-אַראָפּהענגענדיקע בוימער-צווײַגן. זײַנע לאַנגע האָר זײַנען, ווילד צעוואַקסענע, פון אַלע זײַטן אַראָפּגעהאַנגען אפן שטערן. אָבער שרעקלעכער פון אלץ איז געווען זײַן אומגעווײנלעכע דאַרקייט. זײַנע ביינער, האָט זיך געדאַכט—די ריפּן, די אײלנבויגנס, די קני—אָט-אָט וועלן זיי דורכלעכערן זײַן שוואַרצלעכע הויט. זײַנע שײנע אויגן האָבן געבליצט מיט ניט קיין געזונטן קאַדאָכעס-פײַערל. אף דער לינקער האַנט, אַנשטאָט די צוויי מיטלסטע פינגער, האָט זיך גערויטלט א נאָט פון א ווונד.

— עמיצער שלעפּט זיך, דאַכט זיך, נאָך אונז נאָך, אַנטרײַבער — האָט געזאָגט דער זעמינדאַר, דערהערנדיק, ווי עס שורשען די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. א זאַטער און א גראָבער, האָט ער זיך ניט געוואָלט געבן די מי אפילע אומצוקוקן זיך.

— אַן אָרעמאַן—א בעטלער, מײַן האַר.

— אַן אָרעמאַן, זאָגסטו? נאַרישקייטן! דאָס איז א מאַלפּע—האָט אַרויסגעברומט מוטי-סינג.

דער בעטלער האָט זיך א צושראָקענער באַלד א וואָרף געטאָן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד, און האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט הינטער א גראָבן שטאַם פון א פאַלמענבוים. ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, און האָט אפילע

איינגעהאלטן דעם אָטעם, ביז די טריט פונם העלפאנט זיינען אינגאנצן פארקלונגען געוואָרן אין דער ווייט.

באטאָג גיין איז געפערלעך... מע קען דערזען, מע קען דערקענען... ערגעץ מוז מען זיך באהאלטן, מע מוז אי־בערווארטן, ביז עס וועט ווערן נאכט און עס וועט פינצ־טער ווערן, — האָט געטראכט אזוי דער אומגליקלעכער מענטש.

ער איז פאָרזיכטיק דורכגעקראָכן נאָך א הונדערט טריט, און אָן די שפיצן פון א שטעכנדיקן שטרויך האָט ער זיך צומאזיקט די הענט ביז בלוט. דאָ איז דער וואלד צוגעקומען סאמע ביזן אישעוו—עס האָבן זיך שוין געזען ארומגערינגלטע מיט פאלמען-בוימער, די הייזער. און ערגעץ גאָר נאָענט האָט זיך שוין געלאָזט הערן — עמיץ האָט געשריען און עס האָט געפייפט א בייטש...

דער בעטלער האָט א ציטער געטאָן און האָט זיך אָפּ־געשטעלט. דערנאָך איז ער אריבערגעשפרונגען איבער עמיצנס א גרינעם פלויט און פאָרזיכטיק האָט ער זיך פארגראָבן אין א הויפן ניט דערטריקנטע טאבאק-בלעטער.

דער שווערער טאבאק-רייעך האָט א זעץ געטאָן דעם בעטלער אין קאָפּ, און עס האָט אים גענומען פארכאפּן דעם אָטעם. דער מענש האָט גריוווער געוועזן זיין שוואכ־קייט און האָט פאנאנדערגעגראָבן די בלעטער, מאכנדיק א וועג פאר אביסל פרישער לופט. דערנאָך איז ער געבליבן ליגן שטיל...

דער זעמינדאר איז פאר דער צייט שוין געהאט ארומ־געפאָרן זיין מאיאָנטעק אף העכער העלפט. ער האָט בע־קיוון פארנומען מיט זיך אין וועג ארייַן אויך דעם דאָר־פישן קרעמער, קעדיי אָנצוטרייבן מערער שרעק אף די פריערים — דער גאנצער אישעוו איז געווען איינגעטונקט אין כויוועס בא די דאָזיקע צוויי גווירים.

מוקונדע, דער קרעמער און וואַכערניק, האָט געריטן אויף זײַן פערדל זײַט בײַ זײַט מיטן העלפֿאַנט, און אויף אַלץ, וואָס דער זעמינדאַר האָט געזאָגט, פֿלעגט ער האַכנאָעדיק צושאָקלען מיטן קאָפּ.

מוטי-סינג האָט מײַסע-מיון באַטראַכט די באַאַרבעטע פֿעלדער און זעלבסטצופֿרידן האָט ער געשמייכלט.

— ווי זשע מײַנסטו, מוקונדע, די פֿעלדער וועלן מיר אַרײַנטראָגן ניט קיין קליינע האַכנאָסע, ניט עפּעס?

— די געטער וועלן דיך באַלױנען לויט דײַן ווערט, מײַן האַר. דו לייזט אויס די אָרעמע לייט, דו באַצאָלסט פֿאַר זיי שטייערן דער ענגלישער רעגירונג. דו ריזיקירסט מיט דײַן האָב און גוטס, פּאַרטייִדיקער פֿון די אָרעמע! — האָט אים געכאַנפֿעט דער קרעמער.

— די ריזיקע איז אַ קליינע — האָט, צוהערנדיק זיך צום שמועס, בײַ זיך אין האַרצן געטראַכט דער אָנטרײַבער: — אָ, יאָ — האָט ער געטראַכט — דער זעמינדאַר שינדט אַראָפּ דערנאָך צען פֿעל פֿאַר די אײַנגעצאָלטע שטייערן.

— געדיינקסט, מוקונדע, נאָך גאָר ניט לאַנג איז דאָ געווען אַ טיפֿע בלאָטע, איצטער איז זי אויסגעטריקנט. מיינסטו, דאָס איז שוין אַלץ? ניין, איך וועל נאָך באַווײַזן אַ גרעסערע קונץ. איך וועל באַם געדיכטן וואַלד אויך אָפּנעמען די ערד. די ביימער וועל איך אויסהאַקן, די וואָרצלען וועל איך אויסקאָרטשעווען. עס וועט זײַן אַ לעבן — האָט זיך מיט אַ ברייטקײַט באַרימט מוטי-סינג.

— אָבער מיט וועמעס הענט, אַלטער הונט, מיט וועמעס הענט וועט דאָס אַלץ געמאַכט ווערן — האָט געטראַכט בײַ זיך אין האַרצן דער אָרעמער אָנטרײַבער.

אויף וויפֿל עס האָט געקענט פֿאַרכאַפּן דאָס אויג, האָט דער גאַנצער שטאָך אַרום און אַרום געהערט צום זעמינדאַר. צו אים האָט געהערט די גאַנצע שוואַרצע ערד,

וואָס איז פּעט געווען באַמיסטיקט און באַגאָסן. ניט ווייניק שווייס האָבן געפּאַטערט אַף דער זעמינדאַרישער ערד די אָרעמע פּויערים, ביז זיי האָבן זי געבראַכט צו דעם בליִענדיקן צושטאַנד... צו אים האָבן געהערט אויך די ברונימער, וואָס זײַנען דאָ און דאָרטן געווען צעוואָרפן אין די פּעלדער, די וואַסער אין די ברונימער האָט געהערט צו אים, די הײַזלעך די טשעראַטענע באַם אַרײַנגאַנג אין וואַלד... די בעבעכעס אַפילע אין די הײַזלעך פון די דערשלאָגענע און נאַקעטע פּויערים...

— וואָס פאַר א טויגעניכטסן דאָס זײַנען! וואָס פאַר א פּעפּער! נו, זאָג, מוקונדע, זאָג אַדעראַבּע, קען א גוטער באַלעבאָס זײַן רויִק בא אַזא לאַגע? — האָט געהאַלטן אין איין אויסטײַטשן זיך דער אופגעלייגטער זעמינדאַר, רײַבנדיק דעם שווייסיקן פּאָנים מיטן זײַדענעם טיכל. פון איין ערד-כּײלעק איז ער אַריבערגעפאָרן אַפן צווייטן, און אומעטום האָט ער געפונען כעסרוינעס, און אומעטום האָט ער געהאַט צו וואָס צו טשעפּען זיך.

— האָסט פאַרקויפט דעם בופלאַקס, הונט איינער? און ווו איז דאָס געלט? דאָס געלט ווו איז, פרעג איך בא דיר? וווהין האָסטו אַהינגעטאָן דאָס געלט? אָדער דו האָסט גאָר פאַרגעסן, אַז עס קומט נאָך פון דיר שטייערן?

— שוין צייט, גוטער ברודער אַבאָני, מיר אַרײַנצוטראָגן דעם כּיוּוו פאַר די. אייל מיט די זריע, שוין צייט. און די פּראָצענטן דעריקער, די פּראָצענטלעך, איך בעט ניט פאַרגעסן — מײַן פרײַנט — פּלעגט פון זײַן זײַט צוגעבן אויך דער קרעמער.

ניט געקוקט אַף דער גרויסער היץ, איז די אַרבעט אין די פעלדער געגאַנגען אָן דעם געוויינלעכן באַטאָגעדיקן איבערײַס.

די רעדער אף די ברונימער האָבן געסקריפּעט אָן אופהער. די האנט-פלומפּן האָבן האסטיק געיאָגט דאָס וואסער אין די גראָבנס צווישן די בייטן. און די מידע וואסערטרעגער האָבן לאנגזאם געשפּאנט איבער די מעזשעס, האלטנדיק צוגעדריקט צו די בייכער די לעדערנע זעק פון וואנען דאָס וואסער איז אין דינינקע שנירעלעך צעשפּריצט געוואָרן איבערן פעלד.

אף דעם שווערן ערד-כיילעק סאמע באם וועג האָט געגאָסן זיין שווייס נאט טשאנדרא. דאָס איז געווען אן אויסגעטריקנטער אלטיטשקער, אן איינגעהויקערטער און א באוועגלעכער. ער איז געווען ארומגערינגלט מיט א גאנצער קאמפּאניע אייניקלעך און איינגערע זין.

די האלב-נאקעטע, פון דער זון אָפּגעברענטע קינדער האָבן זיך איינגעשפּאנט אין דער סאָכע, און אלע זאלבעזעקס האָבן קיין קויעך ניט געהאט צו פארבייטן כאָטש איין עקסל.

— נידעריקער בויגט זיך! צו דער ערד! סאמע צו דער ערד! דער באלעבאָס פּאָרט! גאָט פון ראכמאָנעס, פיר אָפּ פון אונז די טריט פון זיין העלפאנט! — האָט געפּעטן נאט טשאנדרא, צובויגנדיק זיך סאמע צו דער ערד.

די טפילע צו גאָט האָט גיט געהאָלפן. דער פּאָרעק האָט באמערקט די אומאָרדענונג בא נאָטן אפן פעלד נאָך פון וויטן. ער איז צוגעפאָרן נענטער און האָט זיך אף נאָטן ארופגעוואָרפן:

— מיט אזא כאָפּטע שיידים האָסטו זיך נאָך ניט ספּראוועט מיט אויסזעצן די רייז? סיידען דו ביסט אינגאנצן פון זינען אראָפּ! און וואָס וועט זיין, אויב די רעגנס וועלן קומען פאר דער צייט?

— זיי ניט בייז אף דיין קנעכט, באשיצער פון די אָרעמע! די סאָכע האלט שוין אין דורכמאכן דעם לעצטן בייט...

י האלב־נאקעטע קינדער האָבן זיך איינגעשפאנט אין דער סאָכע און האָבן אלע זאלבעזעקסט קוים קוים ניט געהאט צו פארביטן כאָטש איין [illegible]קסל

— די סאָכע שפּרינגט באַ דיר סאַמע פון אויבן, פּונקט ווי אַ פלוי! דײַנע ווערים, מײַנסטו, קענען פאַרבײַטן אַ בופלאַקס? אַ כּוזעק איז דאָס, וואָס דו טוסט, ניט קיין אַקערן!

— אונדזער עקסל האָט זיך אײַנגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס, גנעדיקער האַר. די רײַז-שטײַנגלעך זײַנען צוגעגרייט געוואָרן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. זײַ ניט בייז, דו הימל-געבאָרענער. מיר וועלן זיך צוײַלן... מיר וועלן זיך צוײַלן...

— מעגסט פון מײַנעטוועגן אפילו גאָר ניט פאַרזייען, דעריקער טראָג אַרײַן די שטייערן צו דער צײַט. די ווייץ האָסטו דאָך שוין אַראָפּגענומען, אַ? האָסט שוין פאַרקויפט? אופגעפרעסן? זיבן טעג צײַט גיב איך דיר, אַלטער. אין זיבן טעג אַרום זאָלסטו מוחל זײַן אַרײַנטראָגן די שטייערן.

— מיין האַר, — דערמאָן זיך וועגן דעם געוויסער! — האָט זיך אָנגעהויבן בעטן נאַט: — אונדזער טײַכל האָט דאָך ווי-דער איבערגעביטן איר געלעגער. אַ האַלבער ערד-ביילעך מײַנער איז פאַרטרונקען געוואָרן. די ווייץ איז באַ מיר אין גאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן — פרעג באַ די שכנים, זיי וועלן דיר קיין ליגן ניט זאָגן, פרעג באַם סטאַראָסטע! — דער אַלטער האָט זיך מיט תּחנונים געוואַלגערט אין שטויב באַ די פיס פון זײַן האַר.

אַ פּאַרדעקטע מיט שמאַטעס איז אַביסל אָן אַ זײַט גע-שטאַנען נאַטס ווײַב בעגומאַי. זי האָט געבראַכט פאַרן מאַן אין פעלד דעם מיטאָג — אַ ביסל שיטערע זופּ אין אַ צעבראָכענעם טעפּעלע.

לויט די מינהגים פון אינדיע פּאַסט ניט פאַר אַ פרוי אַרײַנצומישן זיך אין אַ מאַנצבילשן שמועס. אָבער בעגו-מאַי האָט ניט אויסגעהאַלטן, און זי איז אויך צוגעפאַלן

דעם פּאַרעך צו די פּיס. ריכטיקער — צו די פיס פון העל-פּאַנט.

— האָב ראַכמאָנעס! האָב ראַכמאָנעס! וואַרט איבער מיט די שטייערן ביז שניט-צײַט! גאָט וועט דיר שײַנקען צוויי הונדערט יאָר לעבן.

...ניט דער געוויין, ניט ביטערע טרערן — עס האָט קיין אַך ניט געקענט ווייכער מאַכן דאָס שטיינערנע האַרץ פון זעמינדאַר.

— אונזער האַר איז נאָך צו גוט צו דיר, באַט — האָט אַרײַנגעשטעלט זײַן וואָרט. אויך מוקונדע דער קרעמער: — איך וועל דיר קיין זיבן טעג ניט געבן. נאָך דרײַ טעג גיב איך דיר אָפּ אומצוקערן מיר דעם כויוו סײַ פאַר דער זריע, סײַ די מעזומאָנים. דעם גאַנצן כויוו ביז א גראָשן, יאָ, און א פּעסעלע באָב-אייל. מיט אונז וועסטו קיין קונצן ניט פּראַווען. אלע ווייסן, אז מוטי-סינג איז א גוטער ברו-דער מיטן פּאָליצײַ-אינספּעקטאָר — האָט דער קרעמער גע-געבן גוטע אָנצוהערעניש דעם אָרעמען באַט.

— יאָ-יאָ — האָט צוגעגעבן פון זײַן זײַט מוטי-סינג — אָף קיין ראַכמאָנעס פון מיר זאָלסטו ניט וואַרטן. אויב דו ביזט אזא אומדאַנקבאַרער הונט, וועל איך דיך איינס און צוויי אַראָפּטרײַבן פונם ערד-כיילעק, און פון שטיבל ארויס! וואָס זשע דען האָסטו געמיינט? גיי וווינען אין ווילדן וואַלד אַריין, צום טיגער אין שלונג אַרײַן, פוילער הונט איינער. דאַן וועסטו וויסן, ווי אזוי בעדאַלעס צו שטעלן דײַן האַר! — אזוי האָט גערעדט דער זעמינדאַר ביז, אַראָפּ-קוקנדיק מיט פאַראַכטונג פון זײַן באַגאָלדעטן שטול אפן אָרעמען פּאָר פאָלק, וואָס האָט זיך אונטן געוואַלגערט אין שטויב.

דער אָנטרײַבער האָט מיטן שאַרף פון זײַן הײַקל א קלאַפּ געטאָן דעם העלפאַנט הינטערן אויער. דער זעמינדאַר מיטן

וואכערניק האָט פאַרגעזעצט זײַן שפּאַציר, און עס האָבן געציטערט אַף די אָנגעבערענטע פעלדער די פּױערים, זײערע באַלעבאַטישעס...

נאָטס פאַמיליע

דער אישעוו, סאַטפור האָט זיך מיט קײן זאַך ניט אונטערגעשײדט פון טויזנטער אַנדערע דערפער אין אינדיע.

אַריבערן וועג, וואָס איז אויסגעזעצט געווען מיט קאַשטאַנעס, האָבן זיך ברייט געשפּרייט באַאַרבעטע פעלדער. דאָ און דאָרט אין די פעלדער זײַנען אַף הויכע סלופּעס אין דער לופטן אויסגעלייגט געווען ברעטער. אַף די ברעטער זײַנען געזעסן אַלטיטשקע וועכטער, וועלכע האָבן געהאַט אַן אַרבעט אָפּצוטרײַבן פון די פעלדער די שעדיקער מיט די פויגל. עס האָבן געסקריפּעט די גרויסע רעדער פון די פּלומפּן, וואָס האָבן געהויבן דאָס וואַסער אַף אָנצוטרינקען די פעלדער.

— אין אָוונט פלעגן זיך די סאַטפורער פּױערים אומקערן אַהײם. האַרבאַטע עקסלעך האָבן געשלעפּט מיט דער דאָרפישער גאַס שווערע אַקערס. קלינגענדיק מיט די גלעקלעך גײט דורך פון פעלד אַ סטאַדע געקרײַזלטע שעפּסן...

גאָר יונגינקע מײדלעך לויפן זיך צונויף אין אַ קאָלירטער קאָמפּאַניע אַפן פּלאַץ — צום ברונעם. בײַ יעדערער אַפן אַקסל בלישטשעט אַ בײכיקער רײן־אויסגעשײַערטער קופּערנער קרוג. און ווײַט צעטראָגט זיך אין דער שטילער לופט זײער זאַרגלאָזיקער געלעכטער און פרײלעכער שמועס.

— דו ווילסט צונעמען דאָס גאַנצע וואַסער פון ברונעם, סובאַשיני!

— בעמעס זײַנען מיר אין דער הײם געבליבן אָן אַ טראָפּן וואַסער, שאַילע, ניט צום טרינקען, ניט צום וואַשן זיך.

— זעט נאָר, דורגי טראָגט נײַע בראַסלעטן. א גליקלעכע ווי העל זיי קלינגען!

— דאָס האָט מיר דער טאַטע געבראַכט פון יאַריד טשעפּעט ניט, נאַרישע מיידעלעך, זיי זײַנען עמעסע זיל-בּערנע—האָט זיך באַרימט דעם קרעמערס טאָכטער, טרייס-לענדיק מיט די הענט.

אַף דורגיס ברוינער הויט האָבּן די בּראַסלעטן אויסגע-זען, ווי א ווײַס שליינגל.

— ווײַז נאָר, בּאַווײַז!— מיר אויך!— מיר אויך!— דור-גי, ליבּינקע, גיב א קוק טאָן...— האָבּן פון אלע זײַטן גע-קלונגען מעקאַנעדיקע שטימען.

אַנקוועלנדיק פון דורגיס בּראַסלעטן, האָבּן די מיידלעך אָנגעהויבּן פאַרגלײַכן אויך זייער אייגענע צירונג. ווי עס זײַנען ניט געווען אָרעם די סאַטפּורער פּויערים, דאָך פלעגן זיי פונם לעצטן קויפן טײַערע בּאַפּוצונגען אלס נאַדן פאַר זייערע טעכטער.

אַף די מיידלשע הענט און פיס האָבּן זיך געבּאַמבּלט צו האַלבּ טוץ און מערער קופּערנע בראַסלעטן. אויסרינג-לעך מיט פאַרדרייטע היינגלעך האָבּן זיך אַראָפּגעלאָזט בּיז די סאַמע אַקסלען. אַף די פינגער האָבּן שעמערירט רינגען און אַף די העלזער—האַלדזבּענדער. און אַפילע אַף די נע-זער איז בּא יעדערער געווען אָנגעהאַנגען, אין לינקן נאָז-לעכל, א גרויסער רינג.

אָן א זײַט פון אלע מיידלעך איז געשטאַנען צוגעדריקט צו א בּוים, אַזוי ווי א פאַריאָגטע כאַיעלע, א שיינינקע מיידעלע פון א יאָר צוועלף. אין אינדיע וואָלט, איבּעריקנס! קיינער ניט אָנגערופן די לאַקשמי מיטן נאָמען מיידעלע. דער פּאַסיקסטער עלטער פאַר כאַסענע האָבּן רעכנט זיך אין אינדיע, לויט דעם איינגעשטעלטן מינהעג, עלף יאָר.

לאַקשמי איז, די איינציקע פון אַלע, געווען אָן באַפּוצונגען, אָן בראַסלעטן און אָן אוירינגלעך. אין דער צײַט, וואָס אַלע מיידלעך זײַנען געווען אָנגעטאָן גרינג און שיין און זײַנען געווען אײַנגעוויקלט אין פּאַסן לײַכטן דורכזיכטיקן שטאָף, וואָס איז בײַ זיי מיט איין עק געווען איבערגעוואָרפן איבערן אַקסל, האָט לאַקשמי געהאַט אָף זיך נאָר אַ שוואַרצע גראָבע שמאַטע, וואָס איז איר אַראָפּגעהאַנגען ביז די פיס.

לאַקשמי האָט האַכנאָעדיק געוואַרט, ביז עס וועט פריי ווערן דער פּלאַץ נעבן ברונעם, קעדיי זי זאָל קענען אָנפילן מיט וואַסער אירע אויסגעשטשערבעטע קרוגן. דערווײַל האָט זי פון אַלע זײַטן געהערט נאָר די געשרייען פון אירע געוועזענע כאַווערטעס, וועלכע האָבן זי געטריבן:

— טראָג זיך אָפּ פון דאַנען!

— רוק זיך אַוועק אָן אַ זײַט!

— אַוועק פון די אויגן, מאַרשאַס! — האָט פּלוצלינג זיך צושריִען גאָר אַ קאַעסדיקע שטימע.

— איך בין ניט קיין מאַרשאַס — האָט אָף צוריק אויסגעשריִען לאַקשמי, אויסשטרעקנדיק די הענט צו שאַילאַ: — וואָס האָב איך געטאָן, וואָס?

— שוואַרצע ראָב! דו קענסט צווישן אונז ניט האָבן קיין אָרט. צו דען ניט צוליב דיר איז געשטאָרבן דײַן דזשאַטיק?

— איך בין ניט שולדיק! יאָג מיך ניט אַוועק, שאַילאַ, — האָט קוים צו הערן געבעטן לאַקשמי.

עס האָט איר קיינער ניט געענטפערט... די בעסטע כאַווערטע אירע איז פאַרבײַגעגאַנגען, ניט קוקנדיק אין איר זײַט.

* * *

אין דער היים האָט לאַקשמי געהאַט ניט ווייניק אַרבעט. דאָס שטיבל פון איר זיידן נאַט טשאַנדראַ איז געשטאַנען סאַמע אין עק דאָרף — הינטער זייער פּלויט האָט זיך גלײַך

אָנגעהויבן דער וואלד. די ווענט פונם שטיבל זיינען ארום־געפלאָכטן געווען מיט טשעראט פון טײַך. אנשטאָט א דאך האָט געדינט א קראַטע פון באַמבוק־פלעקלעך, א צוגעדעקטע מיט פאלמען־בלעטער.

ג׳אקשמי האָט צוגעגרייט א געמיש פון קיהעשע מיסט מיט אָנגעהאקטע שטרוי. דערמיט האָט זי איינגעהייצט דאָס אויוועלע, און אין גיכן האָט אין קעסל איבערן פייער שוין זיך געקאָכט א לינזענע קאשע, און איבערן שטיבל האָט זיך געשפרייט א בלוי רויכל מיט רייעך פון ברענענדיקע מיסט.

א פארטרויערטע און אינגאנצן א דערשלאָגענע, האָט זיך בעגומאָיא אומגעקערט פון פעלד פריִער פון מאן. זי האָט געפרעגט באם אייניקל:

— האָסט אָנגעפאָיעט דעם עקסל? האָסט אפן מיל־שטיין אָנגעמאָלן ארבעס? אף אלץ האָסטו אכטונג געגעבן קינד?

אלץ איז געווען אין אָרדענונג. און די אלטע האָט אזוי, ווי בעגעניווע, אף דער גיך, מיט איר איינגעשרומפענער האנט א גלעט געטאָן דאָס אייניקל איבערן גלאטן קאָפ האָר.

..דער הימל האָט לאנג געפלאקערט מיט רויטן פארגאנג, און דערנאָך איז אָנגעקומען די נאכט, מיטאמאָל — אזוי ווי דאָס קומט פאָר אלע מאָל אין אינדיע.

ווען דער אלטער נאָט האָט אריבערגעטראָטן די שוועל, האָט אים בעגומאָיא באגעגנט פונקט אזוי, ווי דאָס איז פאָרגעשריבן דורך די אינדישע מינהאָגים. זי האָט זיך אויסגעצויגן אף דער ערד, זי האָט באַרירט דעם שטויב בא די פיס פון איר מאן און, ניט אויפהויבנדיק אף אים די אויגן, האָט זי אים דערלאנגט א ליימענע ליולקע, שוין א פארויכערטע. דאן האָט זיך בעגומאָיא, קרעכצנדיק און אָכצנדיק,

צוריק אויפגעהויבן פון דער ערד — אין אירע יאָרן איז אי שוין ניט אזוי גרינג געווען אויסצופילן די אלטע מינהאָגים.

— רוף אַרײַן די קלײנע, מוטער — האָט א מידער געזאָגט דער אלטער.

אין שטיבל האָט זיך צעבֿרענט א געל פײַערל. עס איז געווען שטיל... עס איז געווען ווארעם און ניט ווינטיק.

לאקשמי איז געשטאנען אונטערן דעכל הינטער דער אָפענער טיר און מיט אירע ברענענדיקע טרוקענע אויגן האָט זי געקוקט אין דער טיפעניש פון שטיבל אַרײַן — אינעווײניק אַרײַנגײן האָט זי ניט געטראכט.

— צי איז נאָך פאראן אן אָרט אַף דער ערד — האָט מיט ביטערניש געטראכט דאָס אומגליקליכע מײדל — וווּ איך זאָל ניט זײַן קײן איבעריקע, וווּ איך זאָל קענען לעבן, ווי אלע אנדערע?

נאָט טשאנדרא האָט זיך געזעצט אין מיטן שטיבל אַף דער ערד. די אינגלעך, נאָטס קינדער און אײניקלעך, האָבן זיך אויסגעזעצט בא די זײַטן. זײ האָבן געגעסן אין דער שטיל, די פּנימער אָפּגעקערט אײנער פונם אנדערן. בעגומאָיא איז געשטאנען אַף די פיס און האָט אלעמען דערלאנגט. די שלעכט אָפּגערײניקטע לינזן האָבן געסקריפּעט בא אלעמען אין די צײנער.

— טראָג ארויס עפּעס אויך פאר לאקשמי — האָט, שעמענדיק זיך פאר זײַן ליבע צום אײניקל, אזוי ווי פארבײַגײענדיק, א זאָג געטאָן נאָט.

ניט קוקנדיק אין איר זײַט, האָט די אלטע דורך דער טיר א שפּאר געטאָן אין די טונקעלע הענטלעך פון לאקשמי איר קעפּעלע.

נאָכדעם ווי זי האָט נאָך אלעמענס עסן צוגעקליבן, האָט זיך בעגומאָיא פארוקט אין א ווינקל פון שטיבל און האָט אלײן אויך צוגעביסן — מיט די רעשטלעך פון דער קאשע.

זי האָט שטרייַנג אָפּגעהיט דעם אַלטן אינדישן מינהעג. קיינמאָל האָט זי דעם מאַן ניט אָנגערופן באַם נאָמען. קיינמאָל האָט זי מיט אים אין איין צייַט ניט געגעסן, נאָר אַלעמאָל שפּעטער פון אים. און קיינמאָל האָט זי מיט נאָטן ניט געפירט קיין שמועס באַטאָג, איבערהויפּט אין דער אַנוועזנקייט פון זייַטיקע מענטשן.

נאָך וועטשערע האָט זיך יעדערער, באַם שייַן פון אייללעמפּל, פאַרנומען מיט זייַן אַרבעט. דאָס שפּינדל האָט געהודזשעט אין די געניטע הענט פון בעגומאָיאַ. נאָט מיט די זין האָבן צורעכט געמאַכט אַ פיש-נעץ. אין אומזוכנדיק אַף דער ערד איבערגעבליבענע ברעקלעך, זיינען איבערן שטיבל שנעל אומגעלאָפן די פלינקע גרויע יאַשטשעריקעס.

— וואָס זשע וועט אַרויסקומען פון „זיצן באַם שפּינדל און שווייַגן? — האָט שוין בעגומאָיאַ ניט געקענט פאַרטראָגן דעם שווייַגן: — ווי וועלן מיר זיך אַרויסדרייען? מיט וואָס וועלן מיר צאָלן די כּיוּוּעס דעם זעמינדאַר מיטן קרעמער? די קינדער זייַנען קליינע, און די הילף זייערע איז אַ נישטיקע... און אַף די פעלדער אונזערע די בלאָטיקע איז צאָרעס...

אַלע ווייַלע האָט זיך געריסן דער פאָדעם, עס האָט געסקריפּעט דאָס צעפּאָרענע רעדל...

— צאָרעס... צאָרעס—האָט געכאַזערט די אַלטע: — איין צאָרע קומט קיינמאָל ניט אַליין...

— נאָר ניט געזאָרגט, מוטער! ניט פאַרגעס, אַז מיר האָבן נאָך אַ זון... באַנגעש דאַרף זיך נאָר אומקערן פון מיליטער-דינסט, און דאַן וועט שוין אַלץ רעכט ווערן—האָט דער אַלטער געטרייסט זייַן ווייַב.

די קלענסטע דערמאָנונג וועגן איר עלטערן זון פלעגט גלייַך אַרויסרופן טרערן בּאַ בעגומאָיאַ. שוין דעם פינפטן יאָר האָט באַנגעש געדינט אין בענגאַלישן פּאָלק. די לעצ-

טע יאָרן האָבן די באַלעבאַטים פון אינדיע, די ענגלענדער, געהאַלטן דעם פאָלק, ווער ווייסט צוליב וואָס, אין כינע.. גאָר זעלטן פלעגט פון כינע קומען א בריוו קיין אינדיע. מיט א יאָר צוריק האָט באַנגעש געגעבן צו וויסן זיינע עלטערן, אז אין גיכן וועט ער שוין קומען, זיי זאָלן זיך אָנעמען מיט געדולד נאָך אף א יאָר...

און מיט איין און איינציקער האָפענונג האָט געלעבט די גאַנצע פאמיליע: אָט וועט זיך אומקערן באַנגעש, און דאַן וועט קומען א סאָף צו דער פינצטערער נויט.

— און מאַטאָנעס וועט באַנגעש אויך ברענגען ניט ווי-ניק — האָבן געפאַנטאַזירט דער און יענער פונעם קליינ-וואַרג: — ווי מיינסטו, מאמע, ער וועט ברענגען אסאך מאַטאָנעס?

— אייך ליגט אלץ נאַרישקייטן אין קאָפּ! — האָט גע-זאָגט די מוטער — דער'יקער, ער זאָל אליין קומען — אָט וואָס עס איז דעריקער. און איר — האָט זי זיך אָנגעביי-זערט אפן קליינוואַרג — זאָלט קיין איבעריקס ניט פלוידערן.

— פאָטער! — אָ, ווען עס זאָל... עפשער... עפשער... — האָבן געשעפטשעט די ליפּן פון לאַקשמי פאַרן איינשלאָפן. זי איז געלעגן איינגעקאָרטשעט אף דער ערד, סאַמע באַם שוועל.

די גאַנצע פאַמיליע נאַכט האָט זיך נאָך ניט געהאַט גע-לייגט — די נעכט פאַר די אָנקומענדיקע רעגנס זיינען גע-ווען פייַנליכער פון די טעג.

אין דער אָפענער טיר פון שטיבל האָט זיך פון גאַס געגאָסן די פייַכטע שטיקנדיקע וואַרעמקייט. דער קליינער ראַמעס האָט לאַנגזאַם געוויגט די ראַם, וואָס איז געווען אַרומגעצויגן מיט א שטיקל אַלטן לייוונט און איז געהאַנ-גען א צוגעבונדענע צו דער סטעליע. צייטנווייז פלעגט אָס אינגל אין מיטן דרינען איינשלאָפן, און דאָס שניר ל

פלעגט בלײַבן אין זײַן האנט אומבאוועגלעך. דאן פלעגן נאַט, די אלטע מיט די קינדער טײקעף באדעקט ווערן מיט א געדיכטן שווייס. מיליאָנען מאָסקיטן און קאָמארעס האָבן זיך אומגעטראָגן איבערן שטיבל און האָבן אומבארחמנותדיק געביסן די אויסגעפּײַניקטע מענטשן.

דאָס אלטמאָדישע שפּינדל אין די הענט פון בעגומאָיאַ האָט זײַן ניגן אף א רעגע ניט אופגעהערט צו זינגען, און רעגלמעסיק האָט געקלאפּט דער האמער פון מישטשאַריאַ... שנעל האָט זיך געשיילט דער גערשטן אין די פלינקע קינדערשע הענט. א קליין שליינגל איז ארויסגעקראָכן פון יין לאָך און, ארויפלאָזנדיק זײַן קאָפּ אין א קריגל, האָט עס דאָרט עפּעס געטרונקען.

— באשערט צו מאטערן זיך — האָבן די אלטע בעגומאָיאַ ניט אָפּגעלאָזט אירע שווערע געדאנקען, — ווער קען זיך אָפּזאָגן דערפון? מע מוז אלץ אָננעמען פאר גוט... איין האָפענונג... איין הילף איז נאָר געבליבן...

און: שטיל האָבן געשעפּטשעט די ליפּן פון דער אלטער:

— באנגעש! באנגעש!

דער צוריקער פון באנגעשן

ווען דער דאָרף-שוימער איז מיט זײַן קלאפּערגעצײַג ארומגעגאנגען די גאסן און האָט געהאלטן אין אָפּקלאפּן האלבע נאכט, האָט פון ווײַטן יאם א צי געטאָן דאָס ערשטע שוואכע ווינטל. די פּויערים פון סאטפּור, אויסגעמאטערטע פון דער אומגעווײנלעכער היץ, האָבן גרינגער אָפּגעצויגן דעם אָטעם און ענדליך האָבן זיי געקענט איינשלאָפן. דאָ און דאָרט זײַנען אויסגעלאָשן געוואָרן די אײַלעכפּלעך. נאָר אין די שטיבלעך פון די אָרעמע לייט האָבן זיך ניט אויפגעהערט לײַכטן די פײַערלעך.

און קיינער האָט ניט געזען, ווי אזוי צו מישטשאריאַס שטיבל האָט זיך אונטערגעגאַנוועט אַן אָפּגעריסענער עלנ-טער מענטש.

ער איז אַרײַנגעקומען ניט באַמערקט, פּונקט ווי א שאָטן, מיט רויטע, אויסגעווייטיקטע אויגן האָט ער געקוקט אף דעם צוקנייטשטן גוטן פּאָנים פון זײַן מוטער... דורך טרערן האָט ער געזען, ווי עס קעמפט מיטן שלאָף, האַלטנדיק אין דער אַרבעט א ראָד, זײַן אַלט-געוואָרענער פּאָטער.

— איך בין געקומען, מוטער! — האָט געשעפּטשעט דער געקומענער... ער איז אַנידערגעפאַלן אף דער ערד און האָט זיך מיטן קאָפּ אײַנגעגראָבן אין דער מוטערס וואַ-רעמער קני.

— באַנגעש! מײַן קינד!

דאָס לעמפּל איז אויסגעלאָשן געוואָרן. עמיצער האָט אים ניט ווילנדיק איבערגעקערט. גלײַך איז געוואָרן טומל-דיק אין שטיבל. אין איין אויגנבליק זיינען שוין באַנגע-שעס קינדער און ברידער געווען אַלע אף די פיס. אָבער דורך אַלעמען האָט זיך פּאָרויס דורכגעשטופּט נאַט, און ער האָט זיך אַרופגעוואָרפן אפן זון. בעגומאַיאַ האָט ניט געקענט איינהאַלטן אירע פרײלעכע טרערן — זי האָט גע-וויינט אפן קאָל. נאָר איין לאַקשמי איז געשטאַנען א צו-טומלטע הינטער דער טיר און אינעווייניק האָט זי קיין האָזע ניט געהאַט אַרײַנצוגיין...

אויסגעשרייען פון פרייד, פראַגן איינע אף די אַנדערע — אַלץ האָט זיך אויסגעמישט אין איין גרויסן טומל אין די ערשטע מינוטן פון דער לאַנג-דערוואַרטע באַגעגע-ניש. צוריק איז אָנגעצונדן געוואָרן דאָס אייל-לעמפּל. די מוטער האָט געוואָרפן א בליק אפן גאַסט, און גלייך האָט זי זיך צעיאָמערט:

— וואָס איז מיט דיר, באַנגעש? דו ביזט קראַנק? הונ-

גערײק? װאָס איז מיט דיר, זונעלע? אַך, װאָס די פאַרשאָל־טענע ענגלענדער מאַכן פון אַ מענטשן...

ערשט איצט האָט זי געקענט זען די שמאַטעס, װאָס האָבן פאַרדעקט באַנגעשעס קערפּער. זײַן אומגעװײנלעכע דאַרקײַט מיט די געשװאָלענע אױגן.

— פון װאַנען קומסטו? — האָט געפרעגט נאַט — צי דען האָסטו שױן אָפּגעדינט דײַן טערמין?

אַלע זײַנען מיטאַמאָל שטיל געװאָרן... דער עלנטער און דערשלאָגענער אױסזען פון באַנגעשן האָט אָנגעװאָרפן אַן אײמע אױף דער גאַנצער געזינט.

— גיב מיר אַ טרונק װאַסער, קלײנער... און... עפּשער װעט זיך אין שטוב געפינען באַך עפּעס... דעם עמעס גע־זאָגט, איך האָב לאַנג ניט געגעסן, מוטער — האָט שטיל געזאָגט דער אַנטלאָפענער.

אין דאָרף האָבן זיך הילכיק צושר:ען די הענער. און אין װאַלד, ערגעץ גאָר נאָענט און סאַמע הינטערן שטיבל האָט זיך צעװאָיעט אַ שאַקאַל.

פּונקט װי ענטפערנדיק דעם באַקאַנטן װאָיען, האָט זיך באַל'ד פון אַלע זײַטן געלאָזט הערן דאָס הײזעריקע בילן פון אַ סאַך אַנדערע שאַקאַלן. פון די טיפענישן פון די דזשונגליעס, פון די פעלדער און לאָנקעס האָט זיך גע־טראָגן דאָס ניט אָנגענעמע װאָיען פון דידאָזיקע װילדע האַלב װעלף און האַלב הינט. די גרױע שאַקאַלן פלעגן אין די נעכט אָפט אַרומרינגלען אַזױ װי מיט אַ רײף דעם אישעװ. זײ פלעגן אונטערגײן גאָר נאָענט. די מאַמעס פלעגן דאַמאָלסט שטאַרקער דריקן צו זײערע ברוסטן זײערע שלאָפעדיקע קינדער. די מאַנצבילן פלעגן לױפן אַ קוק טאָן צי זײַנען פעסט פאַרשפאַרט די הינער־שטײַגן, צי די יונגע ציגעלעך זײַנען פאַרטריבן אין די טשעראַט־שטעלכלעך. און אין די פרימאָרגנס פלעגט מען צײלן די

העזייקעס. ניט נאָר א פויגל צו א שעפּס פלעגן קענען אוועקרויבן די שאקאלן — עס פלעגט זיך טרעפן, אז אויך א גרויסע קאלב פלעגן זיי אוועקשלעפּן אין דער טיפעניש פון די דזשונגליעס!

אז באנגעש־טשאדרא האָט זיך אָפּגערוט אביסל, איז ער צוגעטראָטן צו זיַין דערציילונג. אין אן ענגן קרייז האָבן זיך ארום אים ארומגעשטעלט זיַינע אייגענע, און האָבן זיך אופמערקזאם גענומען צוהערן.

ניט קיין פארגעניגנט האָט באנגעש געבראכט אהיים מיט זיין קומען... באנגעש איז געווען א פארברעכער. באנ־געש־טשאדרא איז געווען א דעזערטיר...

ניט מיטן וויסן און מיט דער דערלויבעניש פון זיַינע באלעבאטים האָט באנגעש פארלאָזט זיַין ראָטע. ניין, ער איז אנטלאָפן נאָך איידער עס האָט זיך געענדיקט דער טערמין פון זיַין דינסט. געשוואומען איז ער אף א דאמ־פער איבערן כינעזישן יאם... געבלאָנדזשעט האָט ער אי־בער וועגן, איבער בלאָטעס און וועלדער... מיט די לעצטע קויכעס איז ער געגאנגען... אין הונגער... אין דאָרשט...

— איך קען ניט פארשטיין, באנגעש, וואָס זשע האָט דיך געצווּנגען צו אנטלויפן? — האָט פאָרזיכטיק געפרעגט נאָט. — די סאהיבן (די הארן, די ענגלענדער) האָבן דאָך קיינמאָל ניט געצווּנגען דיך צו גיין אין מיליטער־דינסט. דו האָסט זיך דאָך פארשריבן צו גיין אין סאָלדאטן, פונקט ווי אלע — פריַיוויליק.

— עפּשער האָט מען אייַך ניט געגעבן קיין עסן אין פּאָלק? עפּשער האָט מען דיך באליידיקט, געשלאָגן? — האָט זיך מיט א ציטערנדיקע שטימע נאָכגעפרעגט די מו־טער.

— געשלאָגן? ניין! ערגער, טויזנט מאָל ערגער! זיי האָבן אונז געצווּנגען צו שלאָגן אנדערע! און ניט אף מיל־

כאַמע, ניט אין קאַמף קעגן סאַנים... געדיינקסט, טאַטע איך האָב דיר געשריבן מיט צוויי יאָר צוריק, אַז פיר רז טעס פון אונדזער פאָלק האָבן די סאהיבן (ענגלענדער) אָפּ־געשיקט קיין כינע. דו ווייסט ניט, ווו עס ליגט כינע, ראַמעש, נאַרעלע קליינער! כינע ליגט אין מיזרעך־זײַט... דאָרט, ווו עס איז איצט א רעוואָלוציע, — ווו די אָרע־מע זײַנען אופגעשטאַנען אַנטקעגן די שטאַרקע און רײַ־כע. אונדז, די אינדישע סאָלדאַטן, האָבן די סאהיבן צו־שטעלט אַף די ראָגן פון די שאַנכאַיער גאַסן... שאַנכאַי איז א גרויסע פאַבריק־שטאָט. ווען די כינעזישע אַרבעטער קענען שוין מער ניט פאַרטראָגן דעם שווערן לעבן זייערן וואַרפן זיי די אַרבעט — דאָס רופט זיך אָן: א שטרײַק. פאַר די סאהיבן לוינט דאָס ניט! שטעלן זיך אָפּ די פאַבריקן — פאַרדינען זיי ווייניקער. האָבן זיך די ענגלענדער א נעם געטאָן צו די שטרײַקער זייער אַף א שווערן אויפן.

— געשלאָגן? אין טורמע געזעצט?

— זעסטו, מוטער, קיין טורמעס וואָלט ניט געקלעקט אַלע אַרבעטער פון שאַנכאַי זײַנען אַרויס אַף דער גאַס די סאהיבן האָבן ניט געוואָלט פאַרשמירן זייערע אייגענע פריצישע הענט מיט אַרבעטער־בלוט. ניין! זיי האָבן גע־נויט אונדז, די אינדוסן, מיר זאָלן צעשיסן די כינעזישע אָרעמקייט. אַרעסטן, קעפּונגען, צעשיסונגען — די גרויזאַמ־סטע מײַסים האָבן די סאהיבן דורכגעפירט אין כינע מיט די הענט פון די אינדישע סאָלדאַטן. דו שטעל זיך נאָר פאָר, פאָטער, דו באַטראַכט זיך נאָר, וואָס הײַסט שיסן אין ניט קיין באַוואָפנטן, אין אַן אַרבעטער, אין אַן אייגענעם ברודער, אַן אָרעמען אַרבעטער. עס איז שוידערלעך צו דערמאָנען זיך... מיט א יאָר צוריק האָט מען אונדז אַרויס־געגעבן פאָליציי־זשעטאָנעס, מע האָט אונדז אביסל צוגע־פוצט און די גאַנצע ראָטע האָט מען אָוועקגעפירט אַף נאַנ־

קין-ראָד, דאָס איז די הויפּט־גאַס פון שאַנכאַי. טויזנטער שילער, סטודענטן און סטודענטקעס זײַנען געגאַנגען מיט פאָנען און מיט לידער... נאָך זיי האָבן מאַרשירט די אַרבעטער. די זײַד-שפּינערס און די וועבער. און אָט אין דער מענגע אומבאַוואָפנטע יונגוואַרג, קינדער קימאַט, האָבן מיר דאָס געדאַרפט שיסן! עס האָט געקאָמאַנדעוועט מיט אונדז אַליין דער קאָמענדאַנט, איוועראָן־סאַהיב:

— פלי! הינטישע ביין! פּאַכדאָנים און קינדער פון פּאַכדאָנים! ניט אונטערגעבן זיך? בונטעווען? פלי! פלי! פלי!

נאָר דרײַ פון גאַנצן אָטריאַד האָבן אַראָפּגעלאָזט די ביקסן... איך בין געווען איינער פון די דרײַ... אָבער איך בין געשטאַנען נענטער פון אַלעמען צום קאָמענדאַנט. אין דער צײַט, וואָס פון ברוק האָבן זיך געטראָגן געשרייען מיט שטערבלעכע זיפצן, איז דער קאָמענדאַנט אונטערגעשפּרונגען צו מיר און האָט זיך צושריִען:

— דו האָסט ניט געשאָסן? דו האָסט ניט געפּאָלגט די קאָמאַנדע, שאַקאַל? טאָ נא דיר! איך וועל זיך נאָך מיט דיר אָפּרעכענען!

אין דער זעלבער מינוט האָט ער מיך אַ האַק געטאָן מיטן הענטל פון שווערן רעוואָלווער איבערן פּלייצע... דערנאָך איבערן פּאָנים...

אָבער איך האָב צו דער צײַט פאַרשטעלט דעם פּאָנים מיט דער לינקער האַנט. און דער שווערער רעוואָלווער האָט מיר אַראָפּגעהאַקט די צוויי מיטלסטע פינגער... אָט קענסטו זען, מוטער. פון שרעקלעכן ווייטיק האָב איך ניט אויסגעהאַלטן... מיט דער צעבלוטיקטער האַנט האָב איך באַלד אויף אָן אָרט געענטפערט דעם אָפיציר מיט אַ פּאַטש אין פּאָנים...

איך האָב געמוזט אַנטלויפן... באַלד האָב איך זיך אַרײַנגעוואָרפן אין כינעזישן האַמוין. די שיסערײַ איז פאַרגע-

מיט דער צעבלוטיקטער האנט האָט באנגעש דערלאנגט דעם אָפיציר אין פּאָנים אריין

זעצט געוואָרן. אזא בלוטפארגיסונג איז נאָך אין שאנכאי קיינמאָל ניט פאָרגעקומען. אף מאָרגן — נײַע שטרײַקן מיט נײַע צעשיסונגען, אָבער דאָ איז שוין מײַן שולד נוט געווען. אָן געלט, אָן זאַכן בין איך אנטלאָפן, אבי ניט צו דינען בא די מערדער. א יאָר א גאנצן האָב איך זיך געגאנוועט אהיים, אלס דעזוערטיר. קיינער האָט פון קיין זאך ניט געטאָרט וויסן. איך האָב געארבעט ניט ווײַט פון דאַנען אף די טיי-פלאַנטאַציעס אין אַסאַם. אָבער מיט א כוידעש צוריק האָט מען מיך שיר ניט ארעסטירט. איצט מוז איך זיך אויסליגן... אָפרוען זיך אביסל אין דער היים... אײדער מע איז נאָך מיר ניט געקומען. איך האָב אלץ דערציילט, מוטער!

א שווערער שווײַגן איז געווען אן ענטפער אף דער אויסגעהערטער דערציילונג. די אלטע זײַנען געבליבן אָן ווערטער, זיי זײַנען פּאָשעט געווען אינגאנצן דערדריקט פונעם נײַעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיך אזוי אומגעריכט אראָפגעקײקלט אף זייערע קעפּ.

— יאָ, באנגעש איז עפשער גערעכט. ווי קען זײַן ניט גערעכט באנגעש, וועלכער איז אזא קלוגער, אזא גוטער און גערעכטיקער. אָבער... די ענגלענדער זײַנען אלמעכטיק! זיי וועלן אומברייגען די אָרעמע פויערים, זיי וועלן אראָפטרייבן פון דער ערד זיי מיט די קינדער די קליינע.. זיי וועלן זיי אומגליקלעך מאכן... ווער קען דען גאָר פאָרשטעלן זיך, וואָס פאר א יעסורים זיי וועלן האָבן אויסצושטיין פון די ענגלענדער, ווען יענע וועלן זיך דערוויסן, אז דאָ אין שטוב באהאלט זיך א דעזערטיר...— האָט א פאָרצווייפלטער געטראכט נאָט.

די מוטער האָט זיך צוי מערט, האלטנדיק צוגעדריקט דעם זונס קאָפּ צו איר אויסגעטריקנטער ברוסט.

— דו ביזט געווען אונדזער האָפענונג, באנגעש! דו

ביזט אויך איצטער מײַן בעסטער, מײַן געליבטער זון. אָבער צוליב ראמעשן, צוליב די איבעריקע ברידער דײַנע, צו־ליבן אלטן טאטן מוזטו פארלאָזן דאָס הויז, ווו איך האָב דיך געבוירן און אויסגעהאָדעוועט! מײַן קלײנער וועלפע־לע! די שטאָלץ פון דײַן מאמען! פארלאָז אונדז, נאָך אײ־דער די ווײַסע שפיאָנעס האָבן אויסגעשפּירט דײַנע טריט. דער זעמינדאר איז אַף אונדז אזוי אויך א צוקאָכטער.. מאך ניט אומגליקלעך די גאנצע פאמיליע, מײַן זון. פאר־לאָז אונדז, מײַן ליבער, אנטלויף פון דאנען, באנגעש!

די הענער האָבן זיך ווידער צעקרײט... מע האָט גע־מוזט אָנעמען א באשלוס... נאָך א שאָ, נאָך א שאָ — און, פארטרײַבנדיק די געפלען, וועט זיך פארשפרײטן איבערן גאלד דער ראָזער פרימאָרגן. אויב אוועקגײן, מוז ער גײן אָט שוין... די מינוט... אָבער ווי שווער עס איז געווען פאר באנגעשן צו שײדן זיך מיט זײַן הײם!

אסאך האָט זיך געענדערט פאר די פארפלויגענע פינף יאָר. עס איז געשטאָרבן באנגעשעס ווײַב, קאמאלא. די אל־טע האָט דערצויגן זײַנע קינדער אײנײנעם מיט אירע אײ־גענע. און באנגעשן איז איצטער שוין אלײן שווער גע־ווען צו דערקענען, ווער פון דעם פעקל האלב־נאקעטע קינדער אין שטיבל עס זײַנען זײַנע זין, און ווער עס זײַנען זײַנע אינגערע ברידער.

באנגעש האָט פארבראכט אביסל מיט זײַנע אינגלעך און האָט גענומען זוכן מיט די בליקן זײַן עלטערע געליב־טע טאָכטער.

— ווו זשע איז לאקשמי? זי ווײסט גאָר ניט, אז איך בין געקומען? זי שלאָפט? זי איז ענלעך אַף קאמאלאן, מו־טער? לאקשמי! — האָט שטיל א רוף געטאָן באנגעש, זוכנ־דיק מיט די אויגן אין די טונקעלע ווינקלעך פון שטיבל.

— ווענן איר לוינט ניט צו רײדן, באנגעש.

וואָס? וואָס האָסטו געזאָגט? זי איז דאָ ניטאָ? וווּ זשע איז לאַקשמי, וווּ זשע איז זי? — האָט זיך צ שריִען דער אַנטלאָפּענער; — וואָס איז מיט איר געשען? זאָג מיר שוין, זאָג!

— וואָס איז מיט איר? זי איז אַן אַלמאָנע—זונעלע. מע האָט זי געדאַרפֿט פֿאַרברענען אויפֿן שייטערהויפֿן. אָבער איצט האָט מען די שײַטערהויפֿנס פֿאַרבאָטן, און זי איז א פֿלעק אויף אונדזער הויז. קוים זי איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר, האָבן מיר ניט פֿאַרשלאָפֿן די צײַט, מיר האָבן געפֿונען פֿאַר איר א גוטן כאָסן פֿון א פֿאַרמעגלעכער פֿאַמיליע. וויפֿל געלט מיר האָבן געפּאַטערט אויף דער כאַסענע! לאַקשמי איז געגאַנגען צו דער כופּע מיט דזשאַטינען בײַ זײַנע עלטערן אין הויז, אויף יענער זײַט טײַך. ער איז נאָך ניט אַלט געווען קיין זיבן יאָר, דאָס אומגליקלעכע אינגל. ביידע האָבן זיי נאָך גאָרניט פֿאַרשטאַנען, צו וואָס פֿאַר א צוועקן דער בראַמין (פּריסטער) האָט זיי איבערגעדעקט מיט דער ווײַסער שאַל. לאַקשמי האָט געוויינט, און נאָך דער כופּע האָבן מיר זי אָפּגעפֿירט אַהיים. עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז ווי נאָר דזשאַטין וועט אַלט ווערן עלף יאָר, וועלן פֿאַר אים די עלטערן אויסבויען א נײַ הויז, און דאַן וועט לאַקשמי איבערפֿאָרן צו וווינען בײַ איר מאַן.

אָבער די געטער האָבן געמישפּעט אַנדערש. עס איז ניט איבער קיין צוויי יאָר, און דזשאַטין איז געשטאָרבן. אים האָט אַוועקגעטראָגן די דזשומע. זעסטו, מיין זון, דאָס הימל אַליין האָט באַשטראָפֿט דײַן לאַקשמי — בײַ גוטע פֿרויען לעבן די מאַנען! גוטע פֿרויען שטאַרבן פֿריִער פֿון זייערע מאַנען!

— אָרעם קינד מײַנס! זענט איר זיך באַגאַנגען מיט איר... לויט די אַלטע געזעצן?

— ווען מיר באַגייען זיך אַנדערש מיט איר, וואָלט אונדז די דאָרף־געמיינדע צוטראָגן אַף שטיקער, באַנגעש. מיר האָבן זי, פאַרשטייט זיך, אַנגעטאָן אין שוואַרצן, מיר מײַדן אויס זי צו זען, מיט איר צו ריידן. לאַקשמי טראָגט אַף זיך אַ גרויסע שולד. און איצט איז זי אַלעמען אַ פרעמדע, — האָט פעסט פאַרענדיקט די אַלטע.

בעגומאַיאַ וואָלט זיך קיין מאָל אין לעבן פאַר קיינעם ניט מודה געווען, אַז טיף אין האַרצן טראָגט זי אַ ליבע צו לאַקשמי און זי האָט מיט איר מיטלייד, און ווי אָפט זי באַוויינט זי, וואָס זי וועט שוין קיינמאָל ניט האָבן קיין אייגענעם ווינקל... קיינמאָל וועט זי שוין ניט קענען כאַסענע האָבן, און קיינמאָל וועט זי קיין קינדער ניט האָבן. בעסער פאַרברענט צו ווערן אַפן שײַטערהויפן, איידער צו בלײַבן אַן אייביקע הימלאָזיקע אַלמאָנע!

— נאַרישע רייד! לאַקשמי האָט דען געוואָלט דעם אינגלס טויט? ווו ביסטו, טאָכטער? לאַקשמי! — האָט אויסגעשריִען באַנגעש, איבערטרעטנדיק דעם שוועל אין דער פינצטער אַריין.

אין דער זעלבער מינוט האָבן די הייסע טרערן פונם אומגליקלעכן מיידל באַגאָסן די שטויביקע פיס פון איר פאָטער. אַ שוואַרץ הײַפל האָט זיך געוואָרפן אַף דער ערד בײַ באַנגעשעס פיס, און עמיץ האָט זיך, אומוואַלגערנדיק זיך אַף דער ערד, אַף עפּעס אָנמעכטיק געקלאָגט, פאַרגייענדיק אין ביטערן געוויין.

...לאַנג האָט געדויערט דאָס געזעגענען זיך. ניט לאַנג האָט געדויערט דאָס קלײַבן זיך. מיט ציטערנדיקע הענט האָט די מוטער פול געמאַכט עטלעכע לײַוונטענע זעקלעך, די האָט געמישט טרערן מיט זאַלץ, טרערן מיט קערנער.

— די צײַט וועט זיך ענדערן! דו וועסט זיך נאָך אומ-

קערן צו אונז, באנגעש! וועסט נאך פארשאפן נאכעס דער מאמעס הארץ—האט געדערדט די אלטע, גלעטנדיק איר זון
. לאקשמי האט זיך דערווײַל אומבאמערקטערהייט פאר-
קליבן אין שטיבל ארײַן, צום קעסטל פון איר פארשטאר-
בענער מוטער, און פון קיינעם ניט קיין באמערקטע, האט
זי זיך באלד צוריק ארויסגערוקט הינטער דער טיר.

דאס וואיען פון די שאקאלן האט גענומען שטילער
ווערן.

— די געטער בענטשן דײַן אוועקגיין, באנגעש!—האט
מיט א ראכמאנעס-שמייכל אף די ליפן געדערדט דער אל-
טער נאט.

— וועסט האבן א גליקלעכן וועג, מײַן קינד. אפילע די
כאיעס אין וואלד טרעטן אפ דעם וועג מיין באנגעשן—
האט זיך געפלײַסט בעגומאיא אונטערצוגעבן מוט איר זון.

— נו, צייט צו גיין. זיי געזונט, מוטער.

און באנגעש טשאדרא האט צום סאף-פון איינער א היי-
סער, פײַניקנדיקער נאכט אף אייביק פארלאזט זיין היים.

* * *

די וועלדער האבן פארשלאסן איבערן אנטלאפענעם
באנגעשן דעם שווארצן געוועלב פון זייערע צווײַגן.

אן אויסגעמאטערטער און אן אפגעשוואכטער, האט זיך
באנגעש אין גיכן אראפגעלאזט צופוסן פון א פאלמען-
שטאם, און דאן האט זיך צו זיין האנט צוגערירט א צווײַ-
טע, אן איידעלע האנט.

— דאס בין איך, פאטער—לאקשמי! איך גיי מיט דיר,
איך וועל אנטאן דער מאמעס ווײַסע קלייד, און קיינער
וועט ניט וויסן, אז איך בין אן אלמאנע. און דו וועסט אויך
וועגן דעם פארגעסן, דו וועסט פארגעסן, ליבער פאטער!
קום, לאמיר גיין!

— וווהין, קינד. וועלן מיר גיין?

— וואנדערן, ארבעטן. מיט דיר בין איך גרייט צו גיין, וווהין די אויגן וועלן אונדז טראָגן.

און ווײַטער זײַנען זיי שוין אוועק אין צווייען — האנט בא האנט. אין וואלד איז אזוי ווי ליכטיקער געוואָרן... ניט אזוי שווער האָט זיך באַנגעשן פאָרגעשטעלט דער ווייטערדיקער וועג דער אומבאוווּסטער, און ניט אזוי שרעקלעך האָט שוין געקלונגען אים אין די אויערן דאָס רעווען פון די כאיעס אין וואלד.

אין שווערן וועג

עס איז אָנגעקומען דער מאָנאט יוני — די צײַט פון די געוויטערס און גרויסע רעגנס. און באַנגעש מיט דער טאָכטער האָבן נאָך אלץ געהאלטן אין גיין מיט די וועלדער. זיי זײַנען געגאנגען אין דער ריכטונג צום גאנגעס — דעם גרויסן טײַך.

גיין באטאָג מיט די וועלדער איז געווען ניט אזוי שרעקלעך. דאָ און דאָרט האָבן זיך געשליינגלט שטעגעלעך פון יעגער און האָלצהעקער. דאָ איז די הויכע גראָז געווען אויסגעלייגט, דאָרט האָבן סימאָנים אף די ביימער געוויזן דעם וועג.

לאקשמי האָט זיך גאָר גיך צוגעוווינט צו דער גרינער טונקלקײַט פון וואלד. די הייזעריקע אויסגעשרייען פון די מאלפעס האָבן זי ניט געשראָקן.

די אינדישע וועלדער זײַנען פון אלע מאָל פול געווען מיט מאלפעס. אין סאטפור גופע האָבן זיי געוווינט אף די דעכער פון די הייזער און אפן הויף פון דאָרפישן טעמפל. אָפט האָבן זיי געגאנוועט פרוכט פון אונטער די נעזער פון די באלעבאָסטעס, זיי האָבן זיך גע-

רייצט מיט די קליינע כעוורע, און האָבן פארוואָרפן איינע די אנדערע מיט שאָלעכטס פון ביס.

אָבער דאָ אין די וועלדער האָבן די מאלפּעס אומגעוואנדערט גאנצע סטאדעס. זיי האָבן זיך אומגעטראָגן איבער די צווייגן מיט געשרייען און געוואלטן, אריבערשפרינגענדיק פון איין בוים אפן אנדערן.

ערטערוויז זיינען די דזשונגליעס פארוואקסן געווען מיט א ווילדער געדיכטעניש. מערסטנטייל איז דאָס געווען אויסגעצייכנטער וואלד. גרויסע מענגעס קריכנדיקע און הייגגענדיקע געוויקסן האָבן פול געמאכט די לופט. דרייענדיק זיך און פלעכטנדיק זיך איינע אין די אנדערע האָבן זיי געבילדעט אזוי ווי גראנדיעזע לופט-בריקן.

דער זומפּיקער באָדן פון די דזשונגליעס איז פארוואקסן געווען מיט לישייניקעס און מאָך. אין דער געדיכטער זאפטיקער גרינקייט האָבן זיך געווידמעט מיליאָנען אינזעקטן, טויזנטער קריכער און כאיעשע קליינווארג.

— לאָמיר פון דאנען אראָפּקערעווען, לאקשמי, — האָט געֶרעט באנגעש — דאָ איז דער באָדן זייער זומפּיק.

— דאָרט איז אויך א בלאָטע, פּאָטער. דו זעסט, ווי עס פארציט דעם פוס?

— אין אזעלכע ערטער איז גרינג צו כאפּן דאָס קאָדאָכעס. שנעלער, טאכטער. אניט, וועלן מיר ניט ארויסקריכן פון דאנען — האָט באנגעש אונטערגעיאָגט דאָס מיידל.

אָבער די צופוילטע לופט פון די בלאָטיקע אויסדאמפונגען האָט אויסגעזויגן די קויכעס. די פיס האָבן זיך קוים גערירט... עס האָט געשווינדלט דער קאָפּ...

באנאכט איז אין די דזשונגליעס געווען איימעדיק. באנגעש און לאקשמי האָבן געשפּרייזט אין דער פינצטער אָן א סימען וועג. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אף בוימער,

זיי האָבן זיך פאַרוואונדעט די פּיס אפן הארטן, שטעכע-
דיקן מאָך. עס האָט זיי פאַרפאָלגט דאָס ניט היימלעכע וואָ-
יען פון טויזנטער כאַיעס... די שרעק פאַר דער נאַכט אין
די דזשונגליעס האָט געטריבן די וואַנדערער נענטער צו
די מענשלעכע וווינונגען.

אסאך מאָל זײַנען לאַקשמי מיט באַנגעשן אונטערגע-
גאַנגען נאָענט צו די פאַרשיידענע וואַלד-דערפלעך. אין
אָוונט פלעגן זיי זיך פאַרקלײַבן הינטער די שפּײַכלערס
ערגעץ, און דאָרט, אויף א הייפל טרוקענעם גראָז, פלעגן
זיי אין דער שטיל איבערנעכטיקן.

אין קיין הײַזער זײַנען זיי ניט געגאַנגען. אָבער ווי
שטאַרק עס האָט זיך זיי געבענקט נאָך מענטשן, און אַזוי
גרויס איז געווען דער פאַרלאַנג צו זיצן אַביסל בײַ א
פײַערל און אָנזופּן זיך מיט א הייסן, געשמאַקן דאָרפישן
געקעכטס.

דאָס, וואָס באַנגעש האָט אויסגעמײַדט אַרײַנצוגיין אין
די דערפלעך, איז געווען ניט אומזיסט. און וואָס וועט ער
טאָן, אויב די ענגלענדער האָבן שוין צושיקט איבער בענ-
גאַליע דעם באַפעל וועגן אַרעסטירן אים?

געווען נאָך א סיבע דערצו — אַן אָרטיקע סיבע. לויט
די מינהאָגים פון אינדיע, האָט א פאַרשטייער פון א הע-
כערער קאַסטע ניט געטאָרט באַזוכן קיין הײַזער פון אַזעל-
כע, וואָס האָבן באַלאַנגט צו א נידעריקער קאַסטע. באַנ-
געש טשאַנדרא האָט געהערט צו דער העכערער קאַסטע
פון די ערדאַרבעטער. ווען זיי זאָלן אָפּנעמען שפּײַז בײַ א
פאַרשטייער פון א נידעריקערער קאַסטע, וואָלט עס גע-
הייסן, אַז זיי בלײַבן אומרייניע אפן גאַנצן לעבן...

— פאַרבײַ, טאַכטער, פאַרבײַ! מירן שוין גלײַכער ערגעץ
אין די דזשונגליעס איבערנעכטיקן. דאָ אין דאָרף וווינען
לעדערניקעס, אוועק פון זיי, אוועק! — באַנגעש האָט באַ-

מערקט פון דער ווײַטן א פעל און ארויסגעהאנגענע צום טריקענען זיך, און דאָס איז געווען א קלאָרער סימען, אז דאָ פארנעמט מען זיך מיט דער אומרייניער לעדער-ארבעט.

— און אליין האָסטו געזאָגט — האָט ניט פארשטאַנען די טאָכטער, — אז אלע מענטשן זײַנען ברידער. געדענקסט? ווען דו האָסט דערציילט, ווי אזוי די ענגלענדער באליי־דיקן די כינעזער. מיט וואָס זשע זײַנען די לעדער-ארבע־טער ערגער פון אונדז, פאָטער?

באנגעש האָט ניט געענטפערט. ער איז פּאָשעט גע־ווינט געווען אזוי צו טראכטן, אז לעדער-ארבעטער, וועשנס, שערער און די, וואָס פירן ארויס די מיסטן, זײַ־נען מענטשן אומריינע און שלעכטע. נאָר איינמאָל צו־רירן זיך צו זיי, און דו בלייבסט א פארשמוצטער אף איי־ביק. אויב דער שאָטן פון א לעדער-ארבעטער פאלט אף אן עסנוואַרג, איז דאָס עסנוואַרג פארשוועכט. אויב א לע־דער-ארבעטער באזוכט א הויז, מוז מען שוין אין גאנצן פארלאָזן דאָס הויז.

באנגעשן האָט מען ארײַנגעקלאפּט אין קאָפּ פון די סאמע יונגע יאָרן, אז אלע אינדוסן טיילן זיך אף עטלעכע קאסטעס.

די ערשטע קאסטע — די בראמינער — איז די סאמע העכסטע. זיי דארפן זיין גאלאָכים, לערער, זיי דארפן זיין די באלעבאטים פון לאנד און די רײַכסטע פון אלע.

די צווייטע קאסטע דארף צושטעלן סאָלדאטן. און דער דריטער הויכער קאסטע איז באשערט צו זײַן ערדארבע־טער, באארבעטן די פעלדער.

אלע איבעריקע באשעפטיקונגען און מעלאָכעס, האָט מען באנגעשן איינגעדרומלט אין קאָפּ, זײַנען ניט אזעל־כע בעקאָוועדיקע און אפילע אומריינע. און די דאָזיקע

ג. דעריקע קאסטעס, די אומריינע, דארפן דינען די העכע-רע דריי.

באנגעש פלעגט באגעגענען ניט זעלטן מענטשן פון נאָך א נידעריקערער אָפּשטאמונג. די דאָזיקע אומגליקלעכע (פּאריער) פלעגן מוזן אָנזאָגן וועגן זייער דערנענטערונג מיט אויסגעשרייען, קעדיי אַלע, וועמען זיי טרעפן אין וועג, זאָלן צו דער צייט אָפּגיין אין א זייט, פּונקט ווי די פּאריער וואָלטן זיין קראנקע און זיי וואָלטן פארשפּרייט אָנשטעקונג.

דידאָזיקע האָבן זיך געשפּייזט מיט פּעגאָרים און מיט אָפּפאל. די סאָכרים האָבן זיי ניט פארקויפט קיין טוווע, זיי זאָלן ניט דארפן נעמען קיין געלט פון אומריינע הענט. מיט איין וואָרט, עס איז ניטאָ נאָך אַף דער וועלט קיין מענטשן, וועלכע זאָלן האָבן אזא ביטערן לעבן, ווי די פּא-ריער.

דאָך האָט באנגעש ניט באמערקט די אומגערעכטיקע באציונג פון גאנץ אינדיע צו די מענטשן פון די נידע-ריקע קאסטעס, כאָטש ער האָט אין דער זעלבער צייט גאָר גוט געזען די פאראכטונג פון די ענגלענדער צו די כינע-זער מיט די אינדוסן.

די זאך דערקלערט זיך פּאָשעט. באנגעש איז געווען א מענטש א גלויביקער, און די בראמינער (די פּריסטער) האָבן פאָרגעשריבן אויסצומיידן די פאָרשטייער פון די ני-דעריקערע קאסטעס.

* * *

די צייט פון די גרויסע רעגנס האָט זיך היי-יאָר פאר-שפּעטיקט, און דער ערשטער גרויסער געוויטער האָט זיך צעשטורעמט ערשט סאָף יוני.

עס האָט געדונערט אָן אופהער; דער שלאקס-רעגן האָט זיך געצויגן א דרייסיק שאָ דורכאנאנד. באנגעש און

לאקשמי זײַנען געזעסן באַהאַלטענע פון רעגן אין א פוסטן שטאם פון א זײַדנבוים—נאָכדעם, ווי זיי האָבן פון דאָרט ארויסגעטריבן א מישפּאָכע פון קליינע מאלפּעס. אלע קלומקעס און פּעקלעך פון די וואנדערער זיינען ארויפגעשווייבקט געוואָרן דורך דעם ערשטן שטארקן רעגנשטראָם...

ווען דער רעגן האָט זיך גענומען אײַנשטילן, האָט לאקשמי ארויפגעקוקט אף דער ערד, און עס איז זי באַפאלן אן איימע.

— דאָס איז שוין ניט קיין וועג דאָרט אונטן, נאָר א טײַך! ווי אזוי וועלן מיר זיך ארויסקלײַבן פון דאנען? סײַדן מיר זאָלן זיך דאָ אויספלעכטן א נעסט אפן בוים, און לעבן, ווי די פויגל.

— אָ, אף דעם פוסטן בוים איז פאראן א סאך אנדערע באלאָנים. גיב נאָר א קוק, לאקשמי.

אין דערעמעסן—ארויף איבער די שטאמען זײַנען געקראָכן טויזנטער שליינג, עקדעשן און אלערליי אנדערע קריכנדיקע. דאָס וואסער האָט זיי ארויסגעשווייבקט פון די פּארטרונקענע נאָרעס, און איצט האָבן זיי זיך געזוכט א שוץ העכער, אין די פוסטע בוימער און אין די שטאמען־שפּאלטן. אונדזערע וואנדערער האָבן זיך ניט ווילנדיק געמוזט ארויפלאָזן פון בוים.

ביז איבער די קני אין וואסער, קנעטנדיק די בלאָטע, דורכפאלנדיק אין די גראָבנס, זײַנען באנגעש מיט דער טאָכטער קוים לעבעדיקע אָנגעקומען אין אישעוו פּאַדזש.

די אײַנוווינער פון אישעוו האָבן געהערט צו דער קאסטע פון די פאסטעכער. דאָס איז אויך געווען א נידעריקע קאסטע. דעריבער האָט באנגעש דאָ ניט געזוכט קיין שוץ אין די הייזער, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזעצט מיט לאקשמי אף די קלעצער, סאמע נעבן דאָרף־פּלאץ.

אפן פלאַץ אונטער א בוים האָבן זיך צונויפגעקליבן, ווי געוויינלעך אין די אָוונטן, אלע מאנצבל פון אישעוו צו כאפן א שמועס וועגן די פארשיידנסטע איניאָנים.

און ניט ווייט פון זיי, באם ברונעם, האָבן זיך מיט די עמערס און קרוגן געקליבן די פרויען. זיי האָבן באזונדער געשמועסט.

— דער געוויטער האָט פארטריבן צו אונז בעטלער. וועמעס ריי איז הײַנט צו נעמען אף נאכטלעגער די בעטלער? — האָט איינע געפרעגט.

— זאָרג זיך ניט וועגן די בעטלער, סובאשיני. זיי וועלן ניט אופנעמען אונדזער גאסט־פריינטלעכקייט. דער בעסטער ביסן דיינער וועט זיך זיי אויסווײַזן אלס אָפּפאל — האָט געענטפערט א צווייטע.

און דער עלטסטער פון אישעוו האָט דערווײַל געהאלטן זײַן וואָרט אין דער שטיל:

— אזוי, אזוי, פרײַנט שאַראָט! דו מיינסט, אז קוים האָסטו געדעקט די שטייערן דעם זעמינדאר, ביזטו שוין א פרײַער מענטש ביז דער נײַער גערעטעניש? עס איז ניט אזוי, מײַנע פריינט!

— וואָס, וואָס דערציילסטו, עלטסטער? — האָבן זיך גענומען באומרויִקן די פויערים.

— נײַע שטייערן אף אונדזערע קעפּ? נײַע צאָרעס?

— באם זעמינדאר איז א סימכע — א נײַער יורעש איז אים צוגעקומען, דארפן מיר זיך לאָזן קאָסטן... דער שרײַבער וועט זיך מאָרגן אוועקלאָזן מיט א צעטל איבער די הײַזער. ווי קען מען זיך ארויסדרייען? וועמען דאָס וועט קאָסטן א גאנז, וועמען א ציגעלע — האָט גערעדט דער גרײַז־גרויער עלטסטער.

דער דורכגענעצטער באנגעש איז געזעסן פון דער ווייטן, ער האָט געציטערט פאר קעלט און האָט זיך צוגעהערט.

— א גוטער מענטש איז ער, ווײַזט אויס, דער עלטסטער — האָט געטראַכט באַנגעש: — די איבעריקע פויערים רופן אויך אַרויס צוטרוי. דער זעמינדאר באַרײַסט זיי דאָ, ווײַזט אויס, ניט ווייניקער פון אונדזער מוטי-סינג.

— אונדזערע געשעפטן זײַנען טאַקע ניט קיין פויגל-דיקע — האָט דער עלטסטער געזאָגט צום שרײַבער — אָבער עס טויג ניט, דער וואַנדערער זאָל נעכטיקן אונטערן פרײַען הימל. גיי, פרײַנט, און לייג אים פאָר צו באַזעצן זיך מיטן מיידל אין פוסטן הויז פון אַנאַנדע.

— און מיטן עסן ווי וועט זײַן?

— מירן זיך מוזן אַן אײַצע געבן. מיט געמיינזאַמע קויכעס... אָדער איך וועל אַ קלייניקײַט אַרויסגעבן פון די געזעלשאַפטלעכע מיטלען. ער איז דאָך אַ קאַליקע. די זעסט: אָן פינגער — האָט אין דער שטיל צוגעגעבן דער אַלטער.

דער שרײַבער האָט זיך דערנענטערט צו באַנגעשן און האָט אים איבערגעגעבן די אײַנלאַדונג פונם עלטסטן.

— עס וואָלט ניט געשאַדט אָפּצורוען זיך! קען איך האָפן אַף אַזאַ גליק? ווי גוט עס וואָלט געווען צו פאַרברענגען אַ צוויי-דרײַ מאָנאַטן בײַ אַ פלאַקערנדיקן היימישן פײַער און לעבן אַ רחל זאַטן לעבן — האָט געטראַכט אַזוי באַנגעש — וווּהין קענען מיר איצטער גיין? עס וועלן זיך צוגיסן די רעגנס, אַלץ וועלן זיי פאַרטרינקען אַרום און אַרום. ווי גוט וואָלט געווען דאָ איבערצוּוואַרטן די צײַט...

— לאָמיר דאָ איבערבלײַבן! וווּהין קענען מיר גיין איצטער, מאָטער — האָט זיך געבעטן לאַקשמי מיט טרערן אין דער שטימע.

אָבער באַנגעש איז געווען שטאַרק אײַנגעגלויבט, אַז נעמענדיק שפײַז און הילף פון אַ נידעריקער קאַסטע, וועט ער גלײַך אומריין ווערן. ער האָט איבערגעשטאַרקט אין

זיך אלע פריערדיקע שוואכקייטן, און טרוקן האָט ער גע-זאָגט צום שרייבער:

— גיב איבער דעם עלטסטן מײַן דאנק, פריינט, אָבער מיר אליין, מיר פארלאָזן טייקעף דאָס דאָרף. זײַ געזונט!

און אופהויבנדיק זיך פון אָרט מיט דער גרעסטער מי אָנשפארנדיק זיך אף דעם טאָכטערס אקסל, האָט באנגעש ווײַטער אוועקגעשפאנט איבער וואַקער און בלאָטע מיטן וועג צום גאנגעס.

* * *

און מיט א פערטל שאָ שפעטער איז שוין אין אישעוו פאַדז געוועסט אָנגעפלויגן אן ענגלענדער — א פאָליצײ-רײַטער פון דערבײַיקן באצירק.

— ווער איז דאָ בא אײַך דער עלטסטער? היי, שווארצע! — האָט זיך דער גאסט צושריִען, אָפשטעלנדיק דעם פערד באם ברונעם.

— איך בין דער עלטסטער און בין גרייט אויסצוהערן מײַן האר — האָט זיך פארן פאָליצײ-רײַטער העפלעך פארנויגט דער אלטער.

— איז דאָ דורכגעגאנגען א בראָדיאגע? מיט א מיידל? א קאליקע — אָן צווײ פינגער אף דער לינקער האנט?

— און ווער איז ער אזוינס, אויב ער אינטערעסירט אזוי מײַן האר? — האָט פאָרזיכטיק געפרעגט דער עלטסטער.

— א דעזערטיר, די פארשטייסט? און אן אָפיציר האָט ער באליידיקט. מיט איין וואָרט, עס ווײנט נאָך אים די טורמע. דערצייל געגוי אלץ, וואָס דו ווייסט וועגן אים. בא מיר אין קעשענע ליגט וועגן דעם זשוליק דער שטרײנג-סטער באפעל.

— יאָ, א מענש אָן פינגער איז דאָ די טעג געוועזן, מײַן האר. ער איז פון דאנען אוועק צוריק צו סאטפור. און אויב

מײַן האַר וויל געפינען דעם פאַרברעכער, דאַרף ער זיך אַ קער טאָן אָף צוריק—האָט דעם פּאָליציאַנט פאַרזיכערט דער עלטסטער פון דאָרף.

ווי נאָר דער פּאָליציאַנט האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיטן וועג אָף צוריק, האָט דער אַלטער אָנגעזאָגט דעם שרײַבער:

— דעריאָג זי... גיב זי צו וויסן. דער קאַליקע האָט זיך אַפילו אָפּגעזאָגט פון אונדזער הילף, אָבער אַרויסגעבן אים די ענגלענדער איז אויך ניט קיין געשעפט!

דער שרײַבער האָט זיך גלײַך אַוועקגעלאָזט אָנצוּיאָגן באַנגעשן.

* * *

ווידער האָבן געגאָסן רעגנס... עס האָבן געהוליעט גע-וויטערס...

ווען עס פלעגט שטיל ווערן דער רעגן, זײַנען פון אישעוו צו אישעוו געגאַנגען צוויי וואַנדערער. פון צײַט צו צײַט האָט בײדן געטרײסלט דאָס קאַפּאָכעס. דער אויסגע-צערטער באַנגעש האָט קעסײדער געשוויגן. ער האָט אַלץ געטראַכט וועגן איין זאַך: צי איז דאָס געווען גערעכטיק פון זײַן זײַט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די פאַסטע-כערס הילף?

— אומזיסט האָבן מיר באַליידיקט אַ גאַנצן דאָרף, פאָ-טער! די פּוילערים האָבן אונדז פון גאַנצן האַרצן פאָרגע-לײגט גאַסטפרײַנטלעכקײַט; זיי האָבן אונדז אַרויסגעפירט פון געפאַר. מיר האָבן שלעכט געהאַנדלט, פאָטער! — האָט געכאַוערט דאָס מיידל.

— פון ווען אָן האָבן דאָס די אײער אָנגעהויבן צו לער-נען סײכל די הון, אַ? די הילף פון אָן אומרײנעם איז ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזענע איי. דו הערסט? — האָט אַ צו-קאַעסטער געזאָגט באַנגעש.

אָבער אין הארצן האָט ער געפילט, אז ער איז ניט געֿ-רעכט.

* * *

ענדלעך זײַנען באנגעש מיט לאקשמי ארויסגעגאנגען פון די פינצטערע דזשונגליעס צום טײַך.

די רעגנס זײַנען איבערגעגאנגען. דאָס קאדאָכעס האָט ביסלעכווײַס די וואנדערער אָפּגעלאָזט. אין דער גלײַכמעסיקער ווארעמקייט פון סענטיאבר האָבן זיך געצײַטיקט די פעלדער. און פויל האָט געקײַקלט זײַנע געלע כוואליעס דער פולוואסערדיקער גאנגעס.

באנגעש און לאקשמי האָבן זיך אָפּגעטויוולט אין די קילע וואסערן פון טײַך און אביסל האָבן זיי זיך אָפּגערוט אפן זאמדיקן ברעג.

— מיר זײַנען נאָענט פון בענארעס, לאקשמי. ניטאָ אין אינדיע קיין הייליקערע שטאָט. פאראן אין בענארעס הונדערטער טעמפּלען, א מענגע בראמינער (פּריסטער). דו זעסט, וויפל אוילע-רעגלניקעס עס ציִען זיך מיטן ברעג? קום בעטן גאָט, טאָכטער. די בראמינער וועלן אָנקאָרמען און אונטערשטיצן די גלויביקע.

דער טאטע מיט דער טאָכטער האָבן זיך אויסגעמישט אין האמוין און מיט אלעמען צוגלײַך האָבן זיי אוועקגעשפּאנט מיטן וועג פאזע טײַך.

מיט באוווּנדערונג האָט זיך באנגעש גענומען צוקוקן צום לעבן פון די אוילערעגלניקעס. צווישן זיי איז געווען זייער א סאך פארשיידענע מענטשן.

דורכמאכן צופוס דעם גאנצן וועג פאזע הייליקן גאנגעס אהין און צוריק האָט זיך גערעכנט פאר גאָר א הייליקער זאך. און דאָס איז געווען א וויכטיקער פארדינסט פאר די הימלען...

אָבער א סאך, האָט זיך אויסגעלאָזט, לאָזן זיך אין דעם הײליקן װעג גאָר ניט צוליב די בענארעסער הײליקטימער.

די פּרוי פון א גראָבן קאלקוטער סויכער האָט זיך צוּשמועסט גײענדיק מיט לאקשמי.

— אך, מײַן טײַערע — האָט געהאלטן אין איין ריידן די סויכערטע — קיינער לאָזט זיך ניט גיין צו די הײליקטימער צוליבן גלויבן אָדער אויס אכטונג צו די הימלשע קויכעס. מײַן שווער האָט אינגאנצן פארלאָרן דעם סייכל פארן טויט. שטעלט זיך פאָר, ער האָט איבערגעלאָזט אזא מין צוואָע, און מיר דארפן צוליב דעם אומלויפן איצט מיט אַרוּנגעשטעלטע ציינגער איבער אלע הײליקע ערטער פון אינדיע!

— איך פארשטיי אײַך ניט, מוטער — האָט שטיל געזאָגט לאקשמי.

— אונדזערע שכיינים לאכן געוויס איצטער פון אונדז אין די פויסטן. אין צוואָע איז געזאָגט געוואָרן אזוי: די יערושע וועט באקומען יענער פון די זין, וואָס אין מעשעך פון דריי יאָר וועט ער באזוכן מערער הײליקע ערטער און וועט באווײַזן אָפּצופראווען מערער גאָטעסדינסטן. דו פארשטייסט אליין, וואָס עס איז ארויסגעקומען. מײַן מאנס ברידער האָבן געוואָרפן אלע זייערע געשעפטן, די קראָמען, די פארנאָסעס און נאָר זיי יאָגן זיך אום מיט די גאנצע געזינטן פון איין הײליקן פלאץ אפן אנדערן. הונדערט טויזנט רופּיס איז א מאטבייע! עס לוינט זיך א האָרעווע טאָן אביסל!

און באנגעש האָט אין דער זעלבער צייט מיט פארוווּנדערונג אויסגעהערט דעם ווידע פון א גוויר.

— יאָ, פריינט, איך קום אָפּ פאר מײַנע כאטאָים... איך קען דיר פארטרויען אלפי סאָד, אז מיצאד די כאטאָים מײַנע שלאָף איך רויק... און דער אפּעטיט מײַנער האָט

זיך אויך פארטאָפּלט. נאָר פאר די שפּיינים איז מיר ניט אָנגענעם...

— וואָס זשע איז מיט דיר געשען, מײַן האר?

— איך האָב געהאלטן אין פארענדיקן בויען א נײַ הויז אפן ברעג טייך. און דאן, ווען עס איז שוין געווען פאר־טיק דער דאך, האָבן זיך אראָפּגעריסן די רעשטאוואניעס און זיי האָבן עלף מענשן דערשטיקט אף טויט. דער מײַסטער האָט, עמעס, אָנגעוויזן, אז די רישטאוואניעס זײַנען צע־פוילטע... ער האָט מיר דאָס אָנגעמאכט דעם שעם־רא אף גאנץ שטאָט! איצט דארף איך אומלויפן איבער די הייליקע ערטער צוליב די קרעציקע מוליארעס די אומגעקומענע... זאָלן זיי קיין רו ניט האָבן, ריבוינעשעלוילעם, אף יענער וועלט!

געווען צווישן די אוילערעגלניקעס אויך בעטלער, אסאך בעטלער.

דאָס זײַנען געווען די אומגליקלעכע, אייביק הונגעריקע אײַנוווינער פון די דאָרעמדיקע טרוקענע ערטער. איבערלאָזנדיק די הונגעריקע היימען אין דער צײַט פון דער גרויסער טריקעניש, האָבן זיי שוין יאָרן אומגעוואנדערט איבער גאנץ אינדיע און אומעטום האָבן זיי אויס־געשטרעקט א האנט...

שמוציקע, ניט קיין געקעמטע, באדעקטע מיט וווּנדן און מיט די שרעקלעכסטע הויטקראנקײַטן, האָבן זיי זיך שוין צוגעוווינט צו ליידיקגייערײַ און צום בעטלען.

פאר אזעלכע זײַנען די „הייליקע ערטער" געווען אן עמעסע שמאלץ־גרוב. די רײַכע אוילערעגלניקעס דערלאנ־גען אין די בארימטע טעמפּלען די גרעסטע נעדאָוועס. זיי דערגרייכן דערמיט צוויי צילן פאראמאָל. ערשטנס, באקומען זיי דערפאר זייער קאָוועד סײַ אף דער ערד סײַ

אין די הימלען, צוויטנס, ווערן זיי טאקע גיכער פּאַטער פון די ליזיקע בעטלער, וואָס צוטראָגן נאָר קראַנקייט און אָנשטעקונג...

געגאנגען זיינען מיטן ברעג פון גאנגעס אויך כאַסער־דייעס פארשיידענע און „גאַלעס־אַפריכטער״. די פינצטע־רע מאסע האָט אָנגערופן דידאָזיקע — „הייליקע״, אָבער לאַקשמי האָט געזען גאָר עפּעס אנדערש. לאַקשמי האָט געזען, אז כעווורע מאכט נאָר דעם אָנשטעל אזא, קעדיי ארויסצונארן פון פינצטערן אוילעם וואָס מערער קופּערנע מאטבייעס אין זייערע פּלאַטשיקע טעלערלעך...

די „הייליקע״ האָבן געהאט א שרעקלעכן אויסזען. זיי זיינען געווען פון קאָפּ ביז די פיס אויסגעשמירט אין רוי־טע און ווייסע פאסן — לעקאָוועד דעם גאָט סיווא. אנ־דערע זיינען געווען אויסגעשמירט מיט א שטינקעדיקן געמיש פון קיהעשן, פויגלשן און וועווריקעס־מיסט. נאָך אנדערע האָבן פארשאָטן די פארוואקסענע קעפּ מיט אש, זיי האָבן זיך געריבן מיט פרישע מיסט און מיט אלערליי אנדערע שמוץ.

דידאָזיקע „הייליקע״ האָבן זיך מיט קיין זאך ניט אונ־טערגעשיידט פון די סאמע איינפאכע בעטלער. זיי האָבן זיך פונקט אזוי געריסן אין וועג, פונקט אזוי געקאָכמעט זיך און געפירט דיזעלבע שמועסן, ווי אלע איבעריקע אוילערעגלניקעס.

אנשטאָט זאמד און ווילדע שטיינער האָבן זיך איינגיבן מיטן ברעג אוועקגעצויגן ברייטע פלאכע טרעפּ. דאָ שטיינערנע, דאָרט מארמערנע, האָבן זיך די טרעפּ גלייך אראָפּגעלאָזט אין די טונקעלע כוואליעס פון טייך.

אפן צענטן טאָג פון זייער גאנג זיינען באנגעש מיט לאַקשמי אָנגעקומען קיין בענארעס.

בענארעס

ביזן זון-אונטערגאנג האָבן זיך באנגעש מיט לאקשמי ארומגעשפּאַצירט איבער די אומענדלעכע טרעפּ צום גאנגעס.

מאכנעס גלויביקע, סײַ בענארעסער אײַנוווינער, סײַ אָנגעקומענע, האָבן געאײַלט צום טײַך, קעדיי צו פּראַווען די „הייליקע טורלע". א טייל האָט זיך אויסגעטאָן, איבערלאָזנדיק די בגדים אױף די טרעפּ, און א טייל איז גלײַך געגאנגען אין וואסער אָנגעטאָנענערהייט, און דערנאָך זײַנען זיי געזעסן אויף דער זון און האָבן זיך געטריקנט.

באנגעש מיט לאקשמי האָבן געפונען אן אָרט אין א גרויסן הויף, וואָס איז געווען אָפּגעצאמט נעבן איינעם א טעמפּל.

אויף דעם שטיינערנעם געפּלאסטער זײַנען געזעסן, געלעגן און געשלאָפן הונדערטער אוילערעגלניקעס. און צווישן די הונדערטער שלעפּעריקע קערפּערס זײַנען אומגעגאנגען ווײַסע פעטע קי. די קי האָבן זיך אויך גערעכנט פאר הייליקע.

אין בענארעס האָבן מאלפּעס, קי און העלפאנטן, דארף מען זאָגן, פיל בעסער געלעבט, איידער מענטשן. די דאָזיקע כאיעס האָט קיינער ניט געטאָרט באליידיקן. געבן זיי עסן האָט זיך גערעכנט פאר א גאָט-געוווּנטשטן קאָרבן. און א גאסן-הענדלער, לעמאָשל, ווען א קו פלעגט אופעסן זײַן גאנצע סכוירע פון געשטעל, פלעגט גאָר דארפן אָפּדאנקען דעם „האשעם-איסבאָרעך" פאר אזא כעסעד...

עס איז ניט מעגלעך אין ווערטער איבערצוגעבן, ווי שטארק אויסגעהונגערט עס זײַנען געווען באנגעש מיט לאקשמי.

אין די הייליקע ערטער האָט מען גערדארפט טפילע טאָן, אָבער באנגעשן זײַנען די טפילעס ניט געלעגן אין קאָפּ-

זײַנע געדאנקען זײַנען געווען פארנומען מיט אן אנדער זאך: ווי אזוי באקומט מען פאר זיך מיט דער טאָכטער א שטיקל ברויט, א הויפן גערשטן, כאָטש אָפּפאל אביסל פון פרוכט, צי פון גרינס... אָבער די אלטע דערפארענע בעטלער פלעגן אויסכאפּן בא אים פון אונטער די הענט אלע מעגלעכקייטן...

באנגעש האָט געזען, אז אָפט גייט זיי פארבײַ אײנער א העסלעכער אלטער. דאָס איז געווען א בראמין. ער האָט געדינט באם טעמפּל פון גאָט סיווא. א דרײַיִקער זיידע-נער שנור אפן האלז, א געראזירטער פּאָנים און שניי-ווייסע בעגאָדים — דאָס זײַנען געווען די סימאָנים פון זײַן הויכער קאסטע. די אוילערעגלגיקעס האָבן זיך באצויגן צום בראמין מיט אכטונג און האָבן אים אָפּגעגעבן קאָוועד.

דערדאָזיקער געאכטעטער בראמין פלעגט זיך אָפּ-שטעלן נעבן קאָלאָנע און פלעגט מיט באנגעשן פארפירן א שמועס:

— זיצסטו, הייסט עס, בעטלער?

— איך זיץ, צוויי מאָל געבאָרענער, זון פון דער זון — האָט זיך העפטיק פארן בראמין געבוקט באנגעש און ער האָט זיך געסטארעט צו דערמאָנען זיך, ווי גאָך מע דארף אָפּגעבן קאָוועד דעם בראמין.

דער בראמין האָט ניט אראָפּגעלאָזט די אויגן פון לאקשמי. די פרישע שיינקייט פון לאקשמי האָט זיך גוט געלאָזט מערקן אויך אונטער דעם אלטן צוריסענעם שלייער.

— און דאָס מיידל, צו וואָס טויג דיר, אויב דו קענסט זי ניט שפּײַזן?

— איך מיין, מע וועט אין טעמפּל געוויס טיילן נעדאָ-ווער צום יאָנטעוו. העלף אונז, צוויי מאָל געבאָרענער!

מיר הונגערן לאנג, מיר זיינען לאנג שוין אין וואנדערן. דו באקומסט דאך א סאך זילבער פארן טעמפל, העלף אביסל דיינע גלויביקע, בראמין!

— דו שפאסט! געלט דארף איך אליין. קענסט צושיקן דאס מיידל צו מיר אף א שא, א? פאר איר וועל איך עפּשער ניט שפארן א פאר מאטבייעס... אויב זי וועט נאר פאלגן... און אויב זי וועט מיר געפעלן ווערן...

— איך וועל ניט גיין, פאטער! איך וועל ניט גיין! — האט זיך דאס מיידל צוגעטוליעט צום פאטער און האט זיך פאנאנדערגעוויינט.

— בארויק זיך טאכטער. קיינער וועט דיר ניט באלייזיקן... — האט א טרויעריקער געזאגט באנגעש.

הונדערטער אוילערעגלניקעס זיינען אלע טאג אויסגעשטארבן פון הונגער, דערשעפונג און קאדאכעס, וואס פלעגט זיך צוהוליען איבערהויפט נאך די רעגנס.

און איבערן טייך, אף די שטיינערנע טרעפ פלעגט מען אלע טאג פאנאנדערלייגן אלץ נייע שייטערהויפנס.

די טויטע קערפערס פלעגט מען א לעצטן מאל טויוול זיין אין די וואסערן פון גאנגעס און מע פלעגט זיי פארברענען אף די שייטערהויפנס, וואס האבן געפלאקערט מיט זייערע פייערדיקע צינגער.

און בא די טעמפלען איז דערווייל געגאנגען דאס לעבן גאנץ באזונדער און גאנץ פריילעך.

באטאג פלעגן די בראמינער באווייזן די בארימטע הייליקטימער מיט די געטער-סטאטועס, אבער באווייזן פלעגן זיי דאס ניט אלעמען — נאר יענע, וואס האבן געהאט פולע טייסטערס און האבן געהאט מיט וואס פאר דעם פארגעניגן צו באצאלן.

גאטעסדינסטן האט מען אויך געפראוועט נאר פאר גאר א הויכן פרייז.

און באנאכט אין די טעמפלען האָט מען דורך די נעכט געפּראוועט פּײַערליכקײַטן גאָר אנדערע. העל האָבן גע-ברענט די סמאָלע-פאקעלן, עס האָט געדונערט מוזיק — די בראמינער פלעגן ברײנגען טענצערנס, און דער אלטער בראמין, א שיקערער און א העסלעכער, פלעגט זיך דורכ-שפּארן צווישן די שלאָפנדיקע דאוונער צו באנגעשן.

— איך ווארט, דו זאָלסט שוין פּײַגערן, בעטלער!

— איך האלט זיך נאָך, בראמין!

— דאָס מיידל גיב אוועק! פארקויף... נו? איך וועל עפּענען דעם טײַסטער... דו הערסט? קום בלימעלע, מיט מיר... איך וועל דיך מעכאבעד זײַן מיט גוטן קיבעד — האָט געשעפּטשעט דער שיקער, שפּריצנדיק מיט שפּײַעכץ און פאלנדיק פון די פיס.

עס פלעגן זיך טרעפן גליקלעכע טעג אזעלכע, ווען לאקשמי פלעגט פארדינען א פּאָר גראָשן. זי פלעגט שײַערן מיט קרײַט און אש שווערע קופּערנע קעסלען און טעפּ, זי פלעגט ביז גאָלד-בליק רײַבן די גרעסטע טאצן אין קווארטאל פון די קופּערשמידן.

דער קופּערשמיד איז געווען א מענטש ניט קיין נאר. זעענדיק, ווי אזוי עס צובליצט זיך אף דער זון זײַן סכוירע, צוציִענדיק די קונים, האָט ער גענומען לויבן די „גאָלדענע" הענט פון לאקשמי און האָט איר גענומען צו-טראָגן אלץ טונקעלערע און טונקעלערע געשיר.

לאקשמי האָט געריבן, געשײַערט, געריִבקעט... באַב-צעש האָט געווארט אף איר הינטער דער טיר. און ארום האָט געראַשט מיט איר אײַביקן גערויש די גאס.

אף מאטראצן און טעפּיכלעך זײַנען אין רייען געזעסן די „גאָלעס-אַפריכטער" מיט אונטערגעדרייטע פיס אונטער זיך און זיי האָבן געקוקט אף די פארבײַגייער מיט זינ-לאָזע אָדער ווילדע בליקן. יעדערער האָט זיך אף זײַן

שטייגער געסטאַרעט צוצוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון האַמוין. איינער האָט געשפּאַרט אויף אַרויף אַ פּאַרשטיינערטע האַנט, אַ צווייטער האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט אַן אַריסטאָקראַטיש-צעקאַליעטשעטן פוס...

עס האָבן זיך געשאָטן קופּערנע מאַטבייעס און זילבערנע קליינגעלט אין שיסעלע פון איינעם אַ „קאַליקן“, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ ספּעציעלן געלעגער אויף די שאַרפן פון גרויסע אייזערנע טשוועקעס.

אָבער יעדערער האָט דײַטלעך געזען, אַז די טשוועקעס זײַנען טעמפּע...

אין די שאָטנס פון די גרויסע געלע שירעמס האָבן בראַמינער פאַרקויפט געצקעס, בלומען און אייל אַלס קאָרבאָנעס פאַר די געטער. און פאַר אַ צוגיינגלעכן פּרײַז האָט יעדער אוילערעגלניק געקענט בא זיי קויפן אַ שײַן וועגן ריינוקונג און וועגן אַ פולשטענדיקער מעכילע אויף אַלע כאַטאָים...

עס זײַנען געגאַנגען טעג... באַנגעש און לאַקשמי האָבן געפירט אַלץ דעמזעלבן אָפּדאַכלאָזיקן לעבן, פאַרלאָרענע צווישן די טויזנטער אוילערעגלניקעס.

באַנגעשן איז געוואָרן שווער אויפן האַרצן. צו וואָס דער גאַנצער וואַנזין — האָט ער געטראַכט: — פון וועמען וואַרטן די אַלע אויף הילף? אויף וועמען האָפן זיי, די אַלע אָרעמע און אומגליקלעכע? דאָס גאָלד, דאָס געלט און די גאַנצע פאַרנאָסע פון די הייליקע ערטער בלײַבט פאַר די בראַמינער — אָט אויף וואָס עס בויען זיך טעמפּלען און עס ווערן באַרימט געמאַכט די הייליקטימער...

... און דער אַלטער בראַמין האָט ניט אָפּגעלאָזט פון אויג לאַקשמי.

איינמאָל אין אָוונט איז באַנגעש מיט דער טאָכטער געזעסן אויף דעם שטיינערנעם געפלאַסטער פון טעמפּל-הויף,

און זיי האָבן צונעפּיסן מיט געבראָטענע גערשטן-קער-נער.

דידאָזיקע קערנער האָבן זיך געוואלגערט אומעטום — מיט דידאָזיקע קערנער האָבן די רײַכע דאַונער גע-קאָרמעט די הײליקע פּאוועס מיט די מאלפּעס. די פעטע, איבערגעגעסענע כאיעס זײַנען פּאַשעט ניט אימשטאנד געווען אופצופרעסן אלץ, וואָס מע פלעגט זיי אָנשיטן.

דער בראמין האָט זיך אונטערגעגאנגעט אומערקבאר, און זײַן ווייך-אָנגעגאָסענע האנט האָט זיך שווער אראָפּ-געלאָזט אף באנגעשעס אקסל.

— איך ווארט ניט מער! פינף זילבערנע רופּיס — דאָס גיב איך. אייגנטלעך, איז דאָס גאָר צופיל פאר אזא דאר מיידעלע—דו הערסט?

— ווארף אוועק די שטיק, בראמין! איך פארקויף ניט מײַן טאָכטער! לאָז אונדז צורו.

— אזוי גאָר? מיט אזא טאָן רעדסטו גאָר מיט מיר? איך דארף נאָר א רוף טאָן די שומרים — וועלן זיי דיר ווײַזן... זאָג נאָר, גוטער ברודער, ווו האָסטו דאָס פאר-לאָרן דײַנע פינגער? — האָט פלוצלונג דער בראמין א כאַפּ געטאָן באנגעשן פאר דער האנט. — צי ניט וועגן דיר רעדט זיך דאָס אין באפעל פון פּאָליציי-אינספּעקטאָר?

— פּאָטער!!

— וואָס — פּאָטער? שווײַג צו אביסל, הידל! דער פּאָ-טער וועט זיך נאָר דורכשפּאצירן אין פּאָליציי-צירקל, און דאָרט וועט אלץ קלאָר ווערן. אפן מיידל וועל איך שוין אכטונג געבן, זײַ רויק, פרײַנט! היי, דזשאגען, סאטיש, אהער! צו דער לינקער קאָלאָנע, צו מיר! — האָט געשריִען דער בראמין.

עס איז געוואָרן א טומל. די שומרים האָבן געיאַלט אף דער שטימע פון פריסטער, און אין דער פינצטער האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אף גאנצע הויפנס שלאָפנדיקע אָדער זיך אויפכאפנדיקע מענטשן.

עס האָבן שוין געטראָגן זיך שטימען:

— פאקעלן! פאקעלן צינדט אָן!

— אף קיין קינדער טרעט ניט, שאקאלן!

— וואָס? וואָס איז געשען?

— דערהארגעט עמיצן? געשלאָגן?

— לאָזט! לאָזט! וואָס זשע שטייט איר אפן וועג, מיין מעשוגענע!

— פאקעלן! פייער! פאקעלן!

דער בראמין האָט זיך מיט ביידע הענט איינגעטשעפעט אין באנגעשן און מיט א פארכאפטן אָטעם האָט ער געכאזוערט:

— וועסט ניט ארויסדרייען זיך פון מיר איצטער... ניט ארויסדרייען זיך.

אָבער דאָ האָט פאסירט אָט וואָס פאר א זאך: מיט א שטארקן אומגעריכטן זעץ אין זייט אריין האָט לאקשמי אומגעוואָרפן דעם גראָבן בראמין, און, פאלנדיק אף דער ערד, האָט ער דעם געפאנגענעם ארויסגעלאָזט פון די הענט...

און אין דער צייט, וואָס דער אומגעוואָרפענער בראמין האָט געקוויטשעט און געפלאָנטערט זיך אין זיינע לאנגע בעגאָדים,—זיינען באנגעש מיט לאקשמי ניט געוואָרן.

דער באפעל וועגן ארעסטירן די דעזערטירן פון בענגאלישן פאָלק איז שוין צייט א האלב יאָר געהאנגען אף דער וואנט פון פאָליצײ-אינספעקטאָר. וועגן דעם מענטשן אָן די צוויי פינגער איז דאָרט אויך געווען עפעס געזאָגט...

נאָך א קורצער איבערלייגונג האָבן באַנגעש מיט לאַקשמי באַשלאָסן צו פאַרלאָזן בענאַרעס.

— איך האָב דאָ א גרויסע פּעולע געהאַט, טאָכטער... איך גלויב ניט מער אין קיין היילקטימער. די בּראַמינער בינדן אונדז מיט די פאַרשיידנסטע פאַרבאָטן, און אליין טוען זיי וואָס זיי ווילן. מע האָט אונדז צעטיילט אף קאַס-טעס—ווייסט צוליב וואָס? עס זאָל אונדז ניט איינפאַלן דער געדאַנק צו פאַרייניקן זיך!

און באַנגעש האָט פעסט צוגעגעבן:

— מע דאַרף אַרבעטן, לאַקשמי. בעטן גאָט איז ליידיק-גייעריי. איך מיט דיר זיינען געוווינט צו האָרעוואַניע און מיר קענען ניט לעבן פון נעדאָווועס.

עס זיינען געגאַנגען קלאַנגען פון מיזרעוו, אז אין באָמביי האָבן זיך געעפנט א סאַך פאַבריקן און אז דאָרט איז גרינג צו באַקומען אַרבעט.

באַנגעש מיט דער טאָכטער האָבן זיך אוועקגעלאָזט מיטן וועג קיין באָמביי.

באַנגעש אין באָמביי

אין די שטרויכן באַם וועג איז געלעגן א מענטש אין אָנמאַכט—א מענטש האָט געהאַלטן באַם שטאַרבן. לאַקשמי האָט קלאָר געזען, אז דער פאָטער אירער ראַנגלט זיך מיטן טויט.

עמעס, איר אייגענער קאָפּ האָט אויך געברענט אין שטערבלעכער היץ. דאָס קאַדאָכעס פון די דזשונגליעס איז אין בענאַרעס שטילער געוואָרן. אָבער אין די בלאָטיקע ערטער אפן וועג האָט די שווערע און פייניקנדיקע קראַנ-קייט באַנגעשן מיט לאַקשמי ווידער אומגעוואַלגערט פון די פיס.

— וואַ־טער! טרי־ינקען! האָט ראַכמאָנעס! וואַסער! — האָט געזיפֿצט דער אומגליקלעכער.

לאַקשמי האָט אָנגעשטרענגט די לעצטע קויכעס אירע און זי האָט זיך פֿון די אַקאַציעס־שטרויכן אַרויסגעשלעפּט אַפֿן וועג. די אָפּגעשוואַכטע פֿיס אירע האָבן זיך אונטער־געהאַקט, דאָס מיידל איז אַוועקגעקראָכן אַף אַלע פֿיר, קוים רירנדיק מיט די אָפּגעשטאָרבענע עלנבויגנס און קני.

— העלפֿט, ווער עס איז! שטעלט זיך אָפּ! — האָט געשריען לאַקשמי — וואַסער! דערפֿירט אונז ביז א אישעוו... ביז דעם נאָענטסטן אישעוו! העלפֿט! — האָט געבעטן דאָס מיידל אַלץ שטילער און שטילער, ביז ענדלעך זי איז אויך אַוועקגעפֿאַלן אַף א מעהאַלעך פֿון דרייסיק טריט פֿון איר פֿאָטער.

רייטער, פֿוסגייער, רייכע אַף טראָגבעטלעך, אין קאַ־רעטן און וועגענער האָבן זיך באַוועגט אין א לאַנגער ריי מיטן שטאַרק באַלעבטן וועג.

אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן אַף די געשרייען פֿון לאַקשמי. וואָס איז געשען? א טויט אונטערן פֿרייען הימל? צו געוויינלעך זיינען אַזעלכע פֿאַלן אין אינדיע.

עס איז פֿאַרבייגעפֿאָרן א פּאָליציי־אָטריאַד. אַן אָפֿיצער אַן ענגלענדער איז געפֿלויגן פֿאָרויס אַף א פֿעך־שוואַרצן פֿערד, די פּאָליציסטן־אינדוסן האָבן אויפֿמערקזאַם באַטראַכט יעדן גייער און פֿאָרער.

— א האַנט אָן פֿינגער? דו זעסט, וואַכמײַסטער? פּונקט אַזאַ האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון די שטרויכן! — האָט אויס־געשריען דער אָפֿיצער. — צי ניט וועגן דער האַנט הייבט דער באַפֿעל אין פֿאַרוואַלטונג? דעם העלד דאַרף מען פֿאַרהאַלטן! אים דאַרף מען הייגען — ער האָט שיר ניט דערמאָרדעט אַן אָפֿיצער! שטיי! — האָט ער אָפּגעשטעלט דעם אָטריאַד.

דער יונגער אָפּיצער איז אראָפּגעקראָכן פון פערד, ער האָט צערוקט די בלישנדיקע צווייַגן און האָט זיך איבערגע-בויגן איבער דעם אומבאוועגלעכן קערפּער.

— זעט נאָר, ער איז שוין לאנג א געשטאָרבענער, סא-היב! לאָזט אים צורו! צי האָט ער ניט געהאט קיין כא-לערע! — האָט שנעל גערעדט דער פּאָליציסט, צוריק ארופ-שפּרינגענדיק אפן פערד.

דער אָטריאד האָט אוועקגעאײַלט ווײַטער מיטן וועג, איבערלאָזנדיק באנגעשן ניט קיין גערירטן.

* * *

געקומען די נאכט. אין די שטרויכן האָט גערעדט פון היץ באנגעש. לאקשמי איז געלעגן א שטילע פון צווייטן זײַט וועג. א קלייניקע און ניט מערקבארע, איז זי אזוי ווי געשלאָפן.

— דאָ ליגט א מענטש! שטעל אָפּ דאָס פערד, פור-מאן! — האָט געזאָגט אין דער פינצטער א באומרויקטע פרויען-שטימע. נעבן באנגעשן האָט זיך אָפּגעשטעלט א וועגל אף צווײ רעדער. אף די פיר געשניצטע הענטלעך פונם וועגל איז געווען אָנגעצויגן א לײַוונטענער פאָרהאנג.

פון וועגל איז ארויסגעקראָכן א באיאָרנטער מענטש. ער האָט אָנגעצונדן א לאמטערן און האָט גענומען זוכן אין די שטרויכן, ביז ער האָט זיך אָנגעשטויסן אף באנ-געשן.

— ער רעדט פון היץ. איך מיין, בא אים איז קאדאָכעס דזשעכאנא. וואָלסט געזען, סארא שרעקלעכן אויסזען ער האָט! — האָט געזאָגט דער אינדוס.

דאָס איז געווען באגאדור — א וועבער פון גאָלד און זײַדנס פון באָמבײ. ער איז געווען א מוסולמענער. אין וועגל איז געזעסן זיין ווײַב דזשעכאנא. ער איז געפאָרן

אין אלאַכאַבאַד, וואָס די אומגעגנטן זײַנען זײַנע באַ-
רימט געווען מיט די בעסטע זײַד-שטאָפן.

אָנגעלאָדן מיט די פאַרשיידנסטע מוסטערן פון אויס-
נייעכטס און וועבערײַ, האָבן זיי זיך איצטער צוריק אומגע-
קערט קיין באָמביי.

— [illegible] קאָנען דאָך ניט איבערלאָזן קיין קראַנקן אפן
מי[illegible] אין וועגל וועט קלעקן פאַר אים אָרט, באַגאַ-
דו[illegible]ר אים נעמען מיט זיך.

— נו, און ווײַטער?

— אז ער וועט געזונט ווערן, וועט ער אליין באַשליסן,
וואָס ער האָט ווײַטער צו טאָן.

— ביזט גערעכט, דזשעכאַנאַ! וואָס ווייסן מיר, ווער
ער איז? העלף מיר, פורמאַן, אַרײַנלייגן אים אין וועגל.

באַלד האָט מען באַנגעשן אופגעהויבן, מע האָט אים
אַרײַנגעלייגט אין וועגל, אײַנגעדעקט און געגעבן אים עפּעס
אויסטרינקען.

דאָס וועגל האָט זיך גערירט. דער פורמאַן איז געזעסן
מיט אַראָפּגעלאָזטע פיס. באַגאַדור און דזשעכאַנאַ האָבן
זיך ענג געמאַכט וויפל זיי האָבן געקענט. עס האָט גע-
טרייסלט, און עס איז געווען ניט באַקוועם.

אף דער קליינער אײַזנבאַן־סטאַנציע האָט דער וועבער
געקויפט בילעטן, און באַנגעשן האָט מען אף די הענט אַרי-
בערגעטראָגן אין וואַגאָן.

אז זיי זײַנען אונטערגעפאָרן צו באָמביי, האָט באַנגעש
געעפנט די אויגן.

— לאַקשמי! ווו איז מײַן טאָכטער לאַקשמי? ווו בין
איך? — האָט קוים צו הערן אַרויסגערעדט דער קראַנקער.

באַגאַדור און דזשעכאַנאַ האָבן דערציילט באַנגעשן די
געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט.

אָבּער וועגן לאַקשמי האָבּן זיי אים קיין זאַך ניט געקענט זאָגן. לאַקשמי האָבּן זיי ניט געזען. אפן וועג איז געווען דורכויס שטיל.

און באַנגעש איז ווידער אַרייַנגעפאַלן אין אָנמאַכט.

* * *

— הייַנט איז דיר בּעסער, פּרייַנט? אויבּ דו ווילסט, וועט מען דייַן בּעט אַריבּערטראָגן אין גאָרטן. פון יאַם בּלאָזט אַ לייַכט ווינטל. עס איז ניט הייס — האָט גערעדט באַגאַדור, שטייענדיק איבּערגעבּויגן איבּערן קראַנקן.

אַ גאָרטן — דאָס איז געווען צו שטאַרק געזאָגט. דאָס, וואָס דער וועבּער האָט אָנגערופן מיטן נאָמען גאָרטן, איז בּאַשטאַנען פון עטלעכע בּוימער, וואָס זייַנען געוואַקסן הינטער דעם ליימענעם הייַזל.

אָבּער בּלומען איז הינטער דעם געפלאָכטענעם פּאַרקן געווען אַ סאַך.

עס זייַנען געגאַנגען טעג, און באַנגעש האָט זיך גענו־מען פילן אַלץ מערער אין די קויכעס. דזשעכאַנאַ האָט זיך גוט געזאָרגט וועגן קראַנקן, און ווו נאָר אַ בּעסערער בּיסן, האָט זי עס איבּערגעלאָזט פאַר אים.

— קענטיק, אַז אונדזער גאַסט [האָט געהונגערט יאָרן קעסיידער — האָט זי געזאָגט צו איר מאַן: — ווי שוואַך ער איז, און ווי אייַנגעפאַלן עס זייַנען זייַנע אויגן!

כּינע האָט אויסגעהיילט באַנגעשעס קאַדאָכעס. די גוטע פלעגע און די זאָרגזאַמע בּאַציִונג פון דעם וועבּערס מיש־פּאָכע האָבּן אים אומגעקערט דאָס געזונט מיט דער מונ־טערקייט.

אין אַ שיינעם וואַרעמען טאָג זייַנען אַלע געזעסן בּאַ דער אַרבּעט אין גאָרטן. דער זייַדן־בּוים האָט געוואָרפן זייַנע איבּערגעצייַטיקטע יאַגדעס אפן פלאַטשיקן דאַך פונם

הויז און אף דעם פעסט־איינגעקלאפטן ליים פון דעם ציכטיקן הויף.

אהין און אהער זיינען אומגעגאנגען די ראמען פון וועבשטול, און באנגעש האט געפירט מיט באגאדורן א געמיטלעכן שמועס.

— מיר דארפן בעטן בא דיר אנטשולדיקונג—האט געזאגט צו באנגעשן איינמאל דער וועבער.

— דו טרייבסט שפאס, פארשטייט זיך, מיין פריינט!

— איך טרייב ניט קיין שפאס. מיר האבן דיך צוגענומען דארטן פון וועג, און האבן דערוף ניט באקומען בא דיר קיין דערלויבעניש. דו האסט בא אונדז געשלאפן, געגעסן און געטרונקען. וואס וועלן וועגן דעם זאגן איינערע בראמינער, א? זיי וועלן זאגן, אז דו האסט זיך אומריין געמאכט — אט פאר וואס איך האב מוירע.

— נארישקייטן! זאלן זיי ריירן!

— אבער עס טאר דאך ניט צונעמען קיין שפייז א אינדוס פון בראמאנישן גלויבן פון די הענט פון א מוסולמאנער! לויט איינערע באגריפן זיינען מיר דאך אומריין...

— הער אוף, פריינט באגאדור! מיין ניט, אז איך בין אזא בלינדער — האט·האסטיק געזאגט באנגעש,—פאר מיר עקזיסטירן ניט מער קיין קאסטעס.

— ביזטו זיכער אין דיינע איבערצייגונגען, באנגעש?

— איצטער—האט געזאגט באנגעש — זיינען מיינע איבערצייגונגען אזעלכע: ווער עס עקספלואטירט אונדזער הארעוואניע, יענער איז אונדזערער א סוינע. ווער עס הארעוועט און בלייבט הונגעריק און נאקעט, יענער איז אונדזערער א ברודער. ווער זיי זאלן ניט זיין—בראמאניסטן אדער מוסולמענער!

באגאדורס שטיבל איז געשטאנען אף א בערגל, אין א מעהאלעך פון א האלבע שא גאנג פון שטאט.

פון באַמביי האָט זיך דערטראָגן א טויבער גערויש. טויזנטער פייַערן האָבן געציטערט איבער דער גרויסער שטאָט, צייַטנווייַס פלעגט פון ערגעץ דער ווינט אָנטראָגן א געשמאקן רייעך.

— אַף די בערג, וווּ עס איז קיל, שפרייטן זיך ווונדער-לעכע גערטנער, באנגעש. דאָרט ווינען די באָמבייִשע גווירים... אין עמעסע פאלאצן. אין דער פרי זעען מיר, ווי זיי פאָרן אין זייערע בייַנק און קאָנטאָרן אין קארעטן... אין אווטאָמאָבילן — האָט דערציילט דער וועבער, ארבעטנ-דיק איבערן וועבשטול.

אָבער באנגעש האָט ניט געהערט... ער האָט געהאט זייַנע אייגענע געדאנקען אין קאָפּ. — לאקשמי, די קליינע, ליבע טאָכטער! ווי שטארק זי האָט זיך געזאָרגט וועגן פאָטער! וואָס האָט דאָרט געקענט פאסירן מיט איר אַף דעם אלאכאבאדער וועג? ווי דערוויסט מען זיך דאָס? צי דען איז זי אומגעקומען? איז זי איבערגעפאָרן געוואָרן, צוטראָטן געוואָרן דורך די דורכפאָרער? אָדער איר קליין הערצל האָט ניט אויסגעהאלטן די גרויסע קאדאָ-כעס-היך?

באנגעש האָט געטראכט וועגן דער טאָכטער מיט ווייטיק און אַנגסט...

* * *

אז באנגעש איז צוריק געקומען צו די קויכעס, איז ער ארויסגעגאנגען זוכן ארבעט.

די טריקעניש מיטן הונגער האָבן אָנגעטריבן קיין באָמ-ביי טויזנטער הונגערנדיקע פויערים.

דער פרייַז אַף ארבעט-הענט האָט געהאלטן אין איין פאלן.

— לאָז מען אונדז צאָלן גראָשנס, לאָז דער ארבעטס-טאָג זייַן ווי לאנג, אבי מע זאָל אונדז צונעמען צו דער

ארבעט — האָבן געטײַנעט די פּויערים, באַלאַגערנדיק די פאַבריק-קאָנטאָרן.

באַנגעש האָט זיך גאַנצע טעג אומגעדרייט אין פּאָרט, מיט דער האָפענונג צו קריגן ארבעט אין אן ארטעל פון טרעגער. גרויסע אָקעאַנישע שיפן זײַנען געשטאַנען הונ-דערטער באַם ברעג. די סכוירעס, וואָס זײַנען באַשטימט געווען פאר די ווײַטע לענדער, זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפענע גאַנצע בערג. הונדערטער טויזנטער קאַסטנס קאַווע, זעק-לעך רײַז, פעק בוימוואָל האָבן געוואַרט, מע זאָל זיי אָנ-לאָדעווען אף די שיפן.

און דאָך האָט באַנגעש אין פּאָרט קיין ארבעט ניט באַ-קומען.

ביסלעכווײַז האָט זיך אין אים געגומען אָנקלײַבן א בײַסיקער קאַעס. אלץ קלערער האָט ער גענומען באַגרײַפן די אָרעמקײַט און די אומגליקלעכע לאַגע פון פאָלק, און אלץ מערער האָט אים גענומען אַרויספירן פון געדולד דאָס רויִקע, פאַרשווענדערישע לעבן פון די גווירים — פון די סאָחרים און ספעקולאַנטן.

אַזוי איז אַריבער א וואָך אין אומזיסטע ארבעט-זוכעניש אין די אָוונטן פלעגט זיך באַנגעש אומקערן צו באַגאַדורן, ווו עס האָט אף אים געוואַרט א וועטשערע מיט אן אָפּרו

אין פולער פאַרצווייפלונג האָט באַנגעש געזאָגט צו באַגאַדורן:

— מיך בראַקירן די אָפּקלײַבער! ווי נאָר איך באַווײַז זיך פאַרן פענצטערל פון פאַבריק-קאָנטאָר, גלײַך שרײַט מען שוין: „טויג ניט", „קיין פאַסיקע ארבעט ניטאָ פאַר דיר!"

— אָט ביזטו א טשודאַק! א טשודאַק! צי דען האָסטו נאָך אליין ניט פאַרשטאַנען די סיבע דערפון? — האָט א שמייכל געטאָן דער וועבער.

— גיי זיך אליין דורך מיט באנגעשן צו די פאבריק טויערן, באגאדור. דו וועסט עס דורכמאכן גיכער. און דאן וועט ער ווייניקער צייט האָבן צו טראכטן וועגן דער טאָכטער — האָט שטיל צוגעגעבן דזשעכאנא.

ווי גרינג און איינפאך עס האָט זיך אויסגעלאָזט אָנצוקומען אף דער וועב-פאבריק „קינגסטאָן און קאָמפאניע"! מע האָט נאָר געדארפט וויסן דעם קליינעם „סאָד". אין דער פרי האָבן באגאדור מיט באנגעשן געדולדיק אָפגעוואַרט אף דער גאַס, באַם פאבריק-פאַרקאַן דעם איינגלענדער, וואָס איז געווען דער מעמונע איבער די נייַע ארבעטער אף דער פאבריק.

דער וועבער האָט צו אים געזאָגט:

— אָט דער מענטש וועט דיר מיט פאַרגעניגן אָפגעבן די סכירעס פון דער ערשטער וואָך, נאָר טראָג אים אַרייַן אין די רעשימעס.

יענער האָט געענטפערט:

— ניט ווייניקער ווי פאר צוויי וואָכן סכירעס.

פאר גאנצע צוויי וואָכן? אָבער וואָס קען מען מאכן? ניטאָ וואָס צו מאכן! מאסקים!

— צום פענצטערל! ווי איז דייַן נאָמען?

— טשאנדרא — האָט געזאָגט באנגעש, ניט אָנרופנדיק דעם ערשטן טייל פון זייַן נאָמען.

עס איז ניט אריבער קיין האלבע שאָ, און אין די רעשימעס פון פארבער-צעך איז צוגעקומען דער נאָמען פון א נייַעם ארבעטער.

די פאבריק „קינגסטאָן און קאָמפאניע"

די שטאָט איז געשלאָפן, נאָר ווייַט-ווייט אונטן, צופוסנס פון די בערג, האָבן זיך צווישן די בערגעדיקע פעלזן געפּאָרעט די פישער, צעשטעלנדיק דאָרט זייערע נעצן. אויך האָט

זיך פון ווײַטן דערטראָגן דער טויבער גערויש פון די כוואַ-ליעס, וואָס האָבן זיך געקלאַפּט אין ברעג.

איבער די שלאָפנדיקע גאַסן פון באָמבײ האָבן זיך פון אַלע עקן געצויגן האַמוינים דערשעפּטע, אויסגעפּײַניקטע מענטשן. זייערע אויגן זײַנען נאָך געווען שלאָפנדיקע, אָבער די פיס האָבן שוין הילכיק געקלאַפּט טריט נאָך טריט איבער די האַרטע שטיינער פון ברוק.

באַנגעש איז אַרויסגעגאַנגען באַצײַטנס און ער האָט זיך פאַרײניקט צו אַ גרופּע טעקסטיל-אַרבעטער, וואָס זײַנען געגאַנגען פון פאַרשטאָט. ער האָט שוין געגאַרט צו דער-לעבן די מינוט, ווען ער וועט שטעלן זיך צו דער אַרבעט.

מענגעס אַרבעטער האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרײַנ-גיסן אין די ברייט-צעעפנטע פאַבריק-טויערן. יעדערער כאַפּט זײַן נומער און לויפט אין זײַן קאָרפּוס.

— וויפל באַקום איך בא דיר? היי, שוואַרצער! — האָט אָפּגעשטעלט באַנגעשן דער ענגלישער אויפזעער.

— איך פאַרשטיי אײַך ניט, מײַן האַר. וואָס מיינט איר?

מאַך ניט קיין הינטישע שטיק, שוויטע! ווילסט באַקומען בא מיר אַרבעט—באַצאָל, א-ניט... באַקומסטו באַלד שלעכטן געוועב, פאַרב אין שטיקער, און א פּײַג וועסטו פאַרדינען ניט קיין געלט.

— וויפל זשע דאַרף איך צאָלן?

— וועסט צאָלן פון כוידעש? וואָס קען מען נעמען בא אַזאַ הוילן, ווי דו ביסט? נו, גוט: וועסט צאָלן איין רופּ (65 קאָפּיקעס). איך וואַרט ביז מאָרגן, דו הערסט? נו, גע-גאַנגען! אין קאָרפּוס אַרײַן! — האָט זיך צושריִען דער יונג.

...אַזוי איז באַנגעש צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אויף דער פאַבריק „קינגסטאָן און קאָמפּאַניע“.

צאָלן — פאַר אַלץ און אַלעמען דאַרף מען צאָלן! — די פאַקער, די מײַסטערס, די אויפזעער — אַלעמען, ווער עס

איז נאָר געשטאַנען העכער פון באַנגעשן און מיט וועמען באַנגעשן איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן אין זײַן צעך.

און די ערשטע סכירעס די נײַ-אָנגעקומענע אַרבעטער פלעגט מען אויסצאָלן ערשט אין זעקס וואָכן אַרום. ווי אַזוי האָט זיך געקענט אָן אײַצע געבן באַנגעש? קוידעמקאָל האָט ער דאָך געמוזט באַצאָלן דעם אָפּקלײַבער אין קאָנטאָר: אָן דעם וועט אים דאָך יענער גלײַך אויסמעקן פון די רעשימעס, און ער וועט ווידער בלײַבן ווי געווען.

קעדיי צעצאָלן זיך מיטן „כויוו" האָט באַנגעש געמוזט אַנטלײַען ערגעץ געלט.

— נעם בא מיר אַביסל געלט ביז די סכירעס—האָט אים פאָרגעלייגט באַגאַדור.

אָבער באַנגעש האָט שוין גוט געוווּסט, אַז דעם וועבערס מישפּאָכע געפינט זיך אַליין אין גרויס נויט — ווי אַזוי האָט ער בא זיי געקענט נעמען? ער האָט פאַרזיכערט באַגאַדורן, אַז בא אים איז אַלץ אין אָרדענונג.

און באַנגעש איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון אַ וווּכערער.

די אָרעמע קוואַרטאַלן פון באָמביי זײַנען אָנגעפּיקעוועט געווען מיט קלייטלעך אַזעלכע, וווּ יעדערער אַרבעטער האָט געקעגט „איבערכאַפּן" אַ צענדליק רופּעס ביז די נאָענטסטע סכירעס.

— פופצן רופּיס (צען רובל) קען איך דיר אויסבאָרגן — האָט דער וווּכערער געזאָגט צו באַנגעשן — אָבער אין אַ כוידעש אַרום וועסטו מיר זיי אומקערן מיט פּראָצענט.

— וויפל פּראָצענט?

— אָט אַזוי ווי איך זאָג דיר: פופצן נעמסטו און צוואַנציק קערסטו אום. פאַרשטאַנען? און איצט זאָג נאָך אַ דאַנק, וואָס איך קום דיר צו הילף.

נאָכדעם, ווי באַנגעש האָט באַקומען דאָס געלט, איז ער אַוועק זוכן אַ קוואַרטיר. אַף אַ מעהאַלעך פון צוויי שאָ גאַנג פון קינגסטאָנס פאַבריק האָבן זיך געצויגן לאַנגע ארבעטער-באַראַקן. דאָרט, אין קליינע צימערלעך אָן פענסטער האָבן זיך געפּײַניקט ארבעטער-געזינטן.

— אָבער ווי קען מען זיך דאָ אַהינטאָן? — האָט אַן איבעראַשטער פון דער אומגעווײנלעכער ענגשאַפט ניט פאַרשטאַנען באַנגעש.

— אָט ווי דו זעסט — האָט אים געענטפערט אַן ארבעטער. — דו מיינסט, אַז דאָס, וואָס דו זעסט, הייסט בײַ אונדז ענג? ניין. אַף טשיקאַוועס קענסטו אַרײַנגיין אין צווייטן באַראַק, דאָרט איז טאַקע ענג: צו דרײַסיק מענטשן אין אַ צימערל. רויכיק, טשאַדנע, אַ שטיקעניש, אַ שטינקעניש, קליינע קינדער שרײַען גאַנצע נעכט. מע האַלט דאָרט קעסיידער אין שטאַרבן, און... קראַנקײַטן אָן אַ סאָף.

— אָבער דאָ איז דאָך אויך ניטאָ ווו אַ שפּילקע-קעפּל אַרײַנצושטעקן! און פרויען אַזוי פיל!

— דערפאַר איז דאָ ווייניקער קינדער. עס ווערן אַפילע אין גיכן צוקומען קינדער. אָט זעסטו צוויי ווײַבער? זיי וועלן שוין באַלד האָבן... וואָס איז דאָ צו ריידן: עס קומט אויס צו שלאָפן בײַ יענעם אַף די פיס און אַף די קעפּ. און קאָסטן קאָסט עס דרײַ רופּיס אַ כוידעש.

באַנגעש האָט באַשלאָסן בעסער צו וווינען אונטערן פרײַען הימל... און פונקט ווי אַסאַך אַנדערע באָמבייער ארבעטער, פלעגט ער אַף באַנאַכט אונטערבעטן זײַן ראָגאָזשע גלײַך אַף דער ערד, בײַ אַ וואַנט, און דאָרט פלעגט ער שלאָפן.

ניט איינמאָל פלעגן זיך אים צוקאָפּנס פאַרקלײַבן יאַשטשעריקעס, און אַמאָל איז צו אים צוגאַסט פאַרקראָכן אַפילע אַ גיפטיקע שלאַנג. די פרויען פון באַראַק האָבן

ניט איינמאָל איבער זײַן קאָפּ ליידיק געמאכט זייערע שמוציקע עמערס... אָבער דעם מידן מענטשן האָט שוין קיין זאך ניט געארט... אבי ער זאָל קענען רויִק אויסליגן זיך אונטערן רייַנעם, אויסגעשטערנטן הימל... אבי ער זאָל זיך קענען אָפּגעבן מיט זײַנע טרויעריקע זיכרוינעס וועגן לאַקשמי, וועלכע ער האָט פארלאָרן אף אייביק... און טראכטן, טראכטן אָן א סאָף, ווי מע וואָלט קענען איבערמאכן, איבערשנײַדן אף א נײַעם קאָן די גרויזאמע אומגערעכטיקע וועלט.

* * *

ארום דרײַ א זייגער פארטאָג פלעגן די ארבעטער פארלאָזן די באראקעס, קעדיי אָנצוקומען צו פינף א זייגער אף דער פאבריק. און דאָן האָט מען געארבעט ביז זון-אונטערגאנג — ביז זיבן אין אָוונט. פערצן שאָ פײַניקלעכע האָרעוואניע — אָן א ברעקל איבעררײַס! און אין וואָס פאר א שטיקנדיקער לופט, אין וואָס פאר א געגעמשער היץ זיי איז אויסגעקומען צו ארבעטן!

א מוירעדיקע היץ איז געשטאנען אין פארבער-צעך. אין די גרויסע קעסלען האָבן געזאָטן און געראשט די צעפירטע פארבן. וואָלקנס ווײַסע פארע האָבן מיט הייסע כוואַליעס געבריט די האלב־נאקעטע ארבעטער.

— אך, ווו קען מען דאָ כאפּן א טראָפּן פרישע לופט, כאווער? — האָט זיך געווענדעט צו באנגעשן א קליינער שווארצער אַפגאנער, אויך א בינקער.

— קום אונטער צום פענסטער—האָט אים פאָרגעלייגט באנגעש—קאָלזמאן דער מײַסטער איז ניטאָ.

און צווישן דעם געווירבל פון רעדער, אקסן און פליענדיקע שטאנגען האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן צום אָפענעם פענצטער.

א מוירעדיקע היץ איז געשטאנען אין פארבער-בעך

אָבער הינטערן פענצטער איז געשטאנען דיזעלבע אומ-בעראכמאָנעסדיקע היץ. די צעפלאַקערטע זון איז אומבא-וועגלעך געהאנגען אפן צעסארפעטן הימל. דער יאם האָט ניט איבערגעשיקט דעם מינדעסטן ווינטל.

— אף די ערטער! אָנשפּער, צו די קעסלען, — האָט זיך געלאָזט הערן די שנײַדיקע שטימע פון מײַסטער.

עס איז ניט געלונגען די צווײ פארפײַניקטע ארבעטער דאָס מאָל אָפּכאפּן דעם אָטעם אביסל.

אָבער ניט נאָר זײ — קײנעם פון די ארבעטער אף קינג-סטאָנס פאבריק פלעגט ניט געלינגען, קײנמאָל — קײנמאָל פלעגט ניט געלינגען אָפּכאפּן דעם אָטעם אביסל!

אין די טעג אָן ווינטן פלעגן מענטשן אין די צעכן אָפּט פאלן אין כאלאָשעס.

אין שפּולער-צעך איז שוין ווײַטער אָן אומגליק: נאָר וואָס האָט מען דורכגעטראָגן צווײ געכאלעשטע פרויען.

— ווו זײַנען די ווענטילאטאָרס? פארוואָס ארבעטן ניט די ווענטילאטאָרס? עס איז דאָך ניטאָ קײן קויעך... ניטאָ מיט וואָס צו אָטעמען...

— טאָ זאָל עמיצער זאָגן דעם מײַסטער! וואָס זשע שווײַגט איר, פאכדאָנים! אָט ליגט א ײנגל א געכאלעש-טער. אײן שטויס עמיצער וועט אים געבן ניט ווילנדיק, וועט ער ארונטערפאלן אונטער דער ראָד פון דער מאשין — האָט מען געשריִען אזוי פון אלע זײַטן.

אָבער קײנער האָט ניט געוואָרפן זײַן ווערקשטעל אָדער קעסל. דאָס איז געווען שטרײנג פארבאָטן. פאר א פערטל שאָ ווארפן די ארבעט פלעגט מען ארויסווארפן פון פאב-ריק. און פאר דורכלאָזן אײן טאָג פלעגט די קאָנטאָר אראָפּ-רעכענען סכירעס פאר א גאנצן כוידעש.

פון די ארופגעלײגטע שטראָפן פלעגט די פאבריק אָנ-קלײַבן ניט קײן קלײנע קאפּיטאלן. אויב אײן האנטעך פון

א גאַנצער פּאַרטיע. לעמאָשל, פלעגט זיך אויסלאָזן קירצער פון די איבעריקע — פּאַרטיק! די פאַבריק פלעגט פאַר דער גאַנצער פאַרטיע ניט באַצאָלן.

נאָך א הייסן טאָג פלעגן די טויערן פון פאַבריק ארויסלאָזן אף דער גאַס מאַסן האַלב-טויטע מענטשן. דער צוריקוועג „אהיים" פלעגט אָפּנעמען נאָך מערער צײַט, ווי אינדערפרי. צען אזייגער אין אָוונט פלעגן שוין אַלע ליגן, קעדיי צו דרײַ אזייגער פאַרטאָג ווידער זײַן אף די פיס.

* * *

דער פאַבריקאַנט קינגסטאָן איז אויך געשלאָפן זײער-זײער ווייניק.

ער האָט פּאָשעט קיין צײַט ניט געהאַט צו שלאָפן. טאָג און נאַכט האָט ער געשפּילט אין קאָרטן — אויב ניט בא זיך, אין זײַן רײַכן פּאַלעץ, איז אין די שפּיל-הײַזער אָדער אין די שאַנדהײַזער פון די באָמבייִשע פאָרשטעט.

און אויב קינגסטאָן האָט איינמאָל פאַרשפּילט א האַלבן מיליאָן רופּיס פאַר אמאָל, האָט ער זיך אויך ווייניק געקימערט.

ער האָט נאָר פאַרופן צו זיך-די דירעקטאָרן פון זײַנע פאַבריקן און האָט זיי געמעלדעט:

— פון ערשטן יאַנוואַר פאַרלייַנגערן דעם ארבעטס-טאָג אף איין שאָ. די טאַריפן — פאַרקלענערן. וואָס קענט איר זאָגן דערויף, מײַנע הערן?

— דאָס וועט אָנקומען ניט גרינג — הער קינגסטאָן. די ארבעטער האָבן ניט װען אויסצושלאָפן זיך, זיי עסן זייער ווייניק... — האָט געפּרוּווט דערווידערן דער יינגסטער פון די דירעקטאָרן.

— נאַרישקײַטן! וואָס פאַר א באַטרעף האָט צו ארבעטן אַן איבעריקע שאָ! און לאָזט אראָפּ פאַר איין גאַנג דעם דורכשניטלעכן פאַרדינסט פון אַן ארבעטער פון זעכצן רו־

פּיס... לאָמיר זאָגן, אַף... דרײַצן רופּיס (8 רובל 50 קאָפּי־קעס) אַ כוידעש.

— עס וועט אויסגעפּילט ווערן! אַ גוטן טאָג, הער קינג־סטאָן — די דירעקטאָרן האָבן זיך פאַרן הויפּט־דירעקטאָר העפליך פאַרנויגט און האָבן איינציקווײַס פאַרלאָזן דעם רײַכן קאַבינעט.

* * *

איר האָט שוין געהערט? אַרבעטן ביז אַכט! און צאָלן וועט מען ווייניקער — זײַנען אַוועק הוליען איבער דער פאַבריק אומרויִקע קלאַנגען.

— דאָס וועט ניט זײַן! מיר וועלן ניט דערלאָזן! מיר שלאָפן אַזוי אויך בײַ דער אַרבעט!

— איר האָט שוין געהערט?

— איר האָט שוין געהערט?

— עס קען דאָך ניט געמאָלט זײַן! טומלט זיך ניט אומזיסט, כאַווײרים! אַזוי אויך קענען מיר זיך דערלויבן אויסצוגעבן נאָר דרײַ אַנעס (12 קאָפּיקעס) אַ טאָג פאַר אַ גאַנצער געזינט! צי דען קען מען לעבן פאַר ווייניקער? — האָבן גערעדט די אַלטע אַרבעטער.

אָבער ווען דער באַפעל איז אויסגעהאַנגען געוואָרן אַף דער ברעט, האָט אַף דער פאַבריק אויסגעבראָכן אַ שטורעם:

— שטרײַקן! וואַרפן די אַרבעט! אָפּשטעלן די פאַבריק! אַף דער גאַס אַרויס! אַף דער גאַס, כאַווײרים! מיר וועלן ניט דערלאָזן! מיר וועלן ניט אַרבעטן! שטרײַקן!

דער באַפעל איז אַראָפּגעריסן געוואָרן פון ברעט און איז צעריסן געוואָרן אַף פּיצלעך. שטופּנדיק זיך און שפּאַרנדיק זיך, האָבן זיך די אַרבעטער אַלאָז געטאָן אַראָפּ פון די טרעפּ, און זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן אין אַ גרויסער

מאכנע אפן פאבריק-הויף, ארום אן איבערגעקערטן קאסטן.
די דערשלאָגענע און געוויינלעך שווײַגנדיקע ארבעטער
האָט מען ניט געקענט דערקענען. ארויסטרעטנדיק איינער
נאָך איינעם, האָבן זיי ארויסגערעדט הייס און צו דער זאַך
דעם פלאן פון ווײַטערדיקן קאמף.

באנגעש מיטן פאָרזיצער פון טעקסטילער-פאריין האָבן
דאָ אויף אן אָרט אָרגאנידירט א שטרייק-קאָמיטעט. עס איז
באשלאָסן געוואָרן הונגערן, מאטערן זיך, אָבער ניט שטעלן
זיך צו דער ארבעט, ביז דער פאבריקאנט וועט ניט אָפּ-
שאפן זײַן באפעל וועגן דעם פארגרעסערטן ארבעטס-טאָג.

— זאָל דער כאוער טשאנדרא גיין פאר א דעלעגאט
צום באלעבאָס! — האָט געשרי׳ען דער גאנצער פארבער-
צעך. פון באנגעשן האָבן אלע געהאלטן פאר זײַן שטריינ-
גער גערעכטיקײַט און גוטסקײַט.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער שטרײַק.

עס האָבן מער ניט געווירבערט די ציגלנע קוימענס פון
די קאָרפּוסן. עס האָבן געשוויגן די ווערקשטעלן. אין די
ליידיקע צעכן האָבן זיך געקילט די קעסלען.

די פאבריקאנטן האָבן זיך אייצעס געהאלטן מיט דער
פאָליציי.

— איך קען דאָך ניט בעדאלעס ווערן צוליב א קופּקע
איבדוסן-בונסאָוושטשיקעס! — האָט א צעיושעטער געשרי׳ען
דער באלעבאָס, וואָס האָט דערווײַל אָפּגעלייגט זײַנע קאָרטן
אָן א זײַט.

אפן צענטן טאָג פון שטרײַק איז דער לאָקאל פון פּראָ-
פעסיאָנעלן פאריין פון די טעקסטילער פאָגראָמירט גע-
וואָרן דורך א פאָליציי-אָפּטייל.

און פופצן שטרײַקנדיקע ארבעטער, צעשלאָגענע און
צעבלוטיקטע, זײַנען אוועקגעפירט געוואָרן דורך גאנץ
באָמבײַ, געשמידטע אין קייטן, אין טורמע ארײַן.

לאקשמי

באגאדור האָט אָפּגעקליבן זײַנע בעסטע געוועבן מיט די העלסטע פארבן און האָט זיי געפּאקט אין א געשלאָכטענעם קערבל.

— אײַ, אײַ, וואָס פאר א גוטע שלייערס! וואָס פאר א דינע גאָלדענע צייכענונג! זע נאָר, באגאדור, זאָלסט זיי ניט פארקויפן צו ביליק. פּרוּוו זיי אוועקטראָגן צו פּײַזולען — האָט זיך אָפּגערופן דזשעכאנא: — אונדזער באנגעש זיצט דאָך אין טורמע, דארף מען אים אוועקטראָגן עפּעס עסן. מע דארף אים קויפן א קאָלדרע! אין טורמע, זאָגט מען, איז נאס און קאלט. ווען די כוואליעס קלאפּן שטארק אין ברעג, פארגיסט דורך די קראטעס די קאמערס. נעם שוין פאר איין גאנג אויך די אויסגענייטע שאלן און שארפן. פּײַזולא האָט אסאך וויַיבער און אלע פּוצן זיך. אונדזער אָרעמער פרײַנט! ווען ניט מיר זאָלן זיך זאָרגן וועגן אים, טאָ ווער אנדערש?

פּײַזולא איז געווען א פרומער מוסולמענער און א רײַכער סויכער.

פּײַזולאס הויז איז געווען אויסגעבויט פון גרויסע געלע שטיינער. אין דער וואנט, וואָס איז ארויסגעגאנגען אפן שטילן געסל, איז ניט געווען קיין איין פענצטער, און בא דעם קליינעם טירל אונטן איז שטענדיק געזעסן א אײַנוויקער מעשאָרעס.

באגאדור האָט זיך לאנג געאמפּערט מיטן שוימער, איידער מע האָט אים ארײַנגעלאָזט. דער באלעבאָס האָט פארבראכט אף דער ווײַבערשער העלפט פון זײַן הויז, און קוים איז ער געווען פארטאָן מיט די ווײַבער, איז דער מינהעג געווען, אז מע זאָל אים ניט שטערן.

דער וועבער איז ארײַנגעקומען אין גאָרטן. רויטע רויזן

האָבן פאַרשפּרייט אַ געשמאַקן רייעך. אין סאַזשעלקע האָבן זיך געפּלעסקעט זילבערנע פישלעך.

פיַיזולאַ האָט אויפגענומען דעם וועבער אין אַ קילן צימער. ער איז געלעגן אויף אַ ווייכן טעפּיך אין אַ באַרג זייַדענע קישנס.

— קום אַריַין, קום אַריַין, וועבער! היַינט ביסטו אַן אָנגעלעגטער גאַסט. דיַינע שלייערס וועלן מיר העלפן צו צאַמען איינעם אַ יונג טיגערל — האָט געזאָגט פיַיזולאַ, גלעטנדיק מיט דער אויסגעכאָליעטער האַנט די באָרד, וואָס איז אויסגעפאַרבט געווען אויף רויט.

פון הינטער דעם זיַידענעם פאָרהאַנג האָבן זיך געלאָזט הערן צוקאָסטע פרויען-שטימען. דאָרט האָבן געלעבט די עלף וויַיבער פיַיזולאַס.

— איך האָב געבראַכט שיינע געוועבן, די בעסטע זיַידנס, מיַין האַר.

— היי, אַבדולאַ, ברענג באָר אַהער די באַלעבאָסטע, די ניַיע, דו הערסט? און זאָג דאָרט אָן, מע זאָל אופהערן צו קוויטשען. אַ-ניט... וועל איך נעמען די ביַיטש!

דער מעשאָרעס האָט קיַמאַט אַראָפּגעריסן דעם פאָרהאַנג, ווען ער האָט מיט האַסט אַריַינגעשטופּט אין צימער אַריַין אַ דין מיידעלע. זי האָט אים אַ העפטיקן שטויס געטאָן, און מיט ברענענדיקע, פאַרכטפולע אויגן האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף פיַיזולען.

— דעם פּאָנים פאַרדעק, קליפּע! דעם פּאָנים! — האָט זיך צושריען איינע פון די הויפּט-וויַיבער פייזולאַס, אַ קליי-ניקע און אַ גראָבע. די עלף וויַיבער דעם סטאַרערס האָבן ניַיגעריק אַריַינגעקוקט אין צימער.

— דעם פּאָנים וועל איך ניט פאַרדעקן. שוויַיגט, גענז! איר פרעסט זיסע זאַכן, טאָ פרעסט! — האָט זיי מיט פאַראַכטונג אָפּגעשניטן דאָס מיידל.

— נו, גענוג צו קריגן זיך, הארץ מײַנס! — האָט מילד געזאָגט פײַזולא: — לאָמיר א שמועס טאָן רויִקער אביסל, גוט? גיב נאָר א קוק, וועבער, אף דעם פויגעלע. זאָג בענעמאָנעס, איז זי ניט ווערט די הונדערט רופּיס, וואָס איך האָב באצאָלט פאר איר?

— אומזיסט האָסטו געלט געפּאטערט, רויטער! וועסט זיך צו מיר ניט צורירן. דו הערסט? איך וועל דיר די אויגן ארויסרײַסן! איך וועל פארברענען דײַן הויז! איך וועל ארויסלאָזן אלע דײַנע ווײַבער — די גאנצע קאָמאנדע, און וועל אליין אויך אוועקגיין — האָט געשריִען דאָס מיידל. און אין די אויגן אירע זײַנען געשטאנען טרערן.

— גיב נאָר א קוק, כאיעלע וואָס דו ביסט, וואָס פאר א זײַדענע שטאָפן מיט שארפן עס פּרעזענטירט דיר דײַ האר! הער נאָר, וועבער, באווײַז נאָר דײַנע שאלן. קלײַב אָפּ די בעסטע, וואָס זײַנען אינגאנצן פארוועבט מיט גאָלד איך קען אלץ קויפן, אלץ!

— נאָר ניט מיך, סויכער! הימל! צי דען טאקע וועט מיר קיינער ניט העלפן? — דאָס מיידל האָט ארויסגערעדט די לעצטע ווערטער מיט אזוי פיל פּײַן אין דער שטימע, אז באגאדור האָט זיך אנטשלאָסן אף א פארצווייפלטן שריט.

— אויסדינגען זיך וועלן מיר נאָך צײַט האָבן, מײַן האר. ווארט נאָר — האָט ער א זאָג געטאָן, אוועקשלײַדערנדיק אָן א זײַט זײַנע זײַדנס. — מיט וואָס האָט מען דיך באליידיקט, מיידל? — האָט ער זיך געווענדעט דירעקט צו דעם מיידל.

— איך וויל דאָ ניט לעבן! איך וויל ניט זײַן קיין פרוי בא דעם אלטן! העלף מיר, העלף מיר, וועבער! מע האָט מיך פארקויפט קעגן מײַן ווילן!

— איבּ דיך האָבּן פארקויפט דײַנע עלטערן, דאן איז שוין אפּעס צו טאָן פאר דיר, ליבּע — האָט געזאָגט באַגאדור.

— דו בּיסט פון זיבּען אראָפּ! — האָט אויסגעשריִען דער סויכער — ווער האָט דיר דערלויבּט צו ריידן מיט מײַן ווײַבּ?

— ניט קיין עלטערן — האָט דערקלערט דערוויַל דאָס מיידל: — ניין! איך בּין א יעסוימע! די מאמע מײַנע איז געשטאָרבּן, און דעם טאטן האָבּ איך פארלאָרן אין וועג. קען זײַן ער איז געבּליבּן לעבּן... איך מוז אָפּזוכן מײַן פאָטער, וועבּער!

— ווארט נאָר, ווארט נאָר, מיידל... ערגעץ האָבּ איך שוין געהערט וועגן דעם. עפּשער ביסטו פון בּענגאליע?

— יאָ.

— עפּשער רופט מען דיך לאקשמי? ליבּע, צי בּיסטו ניט די טאָכטער פון בּאנגעשן? יאָ? דו האָסט געפונען דעם פאָטער און א שוק, טאָכטער.

— עס איז מיר שוין נימעס צו הערן די פּלאפּלערײַ! טראָג זיך אָפּ פון דאנען, וועבּער! אבּדאלא! אין קראגן גיבּ אָט דעם וועבּער! די ווײַבּער טרײַבּ אוועק! צי דען קען מען די אינדעטשקעס האלטן ניט פארשפּארט? שטארקערע שלעסער דארף מען צו זיי, און בּײַטשן וואָס שארפערע! — האָט געשריִען דער פון געדולד ארויסגעפירטער סויכער.

פּאגאדור האָט אָבּער בּאשלאָסן צו ראטעווען לאקשמי.

— הער נאָר אויס, וואָס איך וועל דיר זאָגן, גנבעדיקער האר! פון טיפן הארצן וויל איך דיר העלפן. דו ביסט ארײַנגעפאלן אין א גרויסער צאָרע — האָט ער אים ארײַנגעזאָגט שטיל און סוידעסדיק.

— א צאָרע? — איז יענער געבּליבּן א צעטראָגענער — דו ווייסט עפּעס?

— דער פאָטער פון אָט דעם מיידל, לאקשמי, איז א גרויסער מענטש אין באָמביי. דו ווייסט, ווער ער איז? ער איז דער הויפט-איבערשרייבער באם ענגלישן גובערנא-טאָר. פארשטאנען? דו ווייסט, מיט וואָס עס קען זיך ענ-דיקן אזא זאך, אויב ער זאָל זיך דערפון דערוויסן? דער גובערנאטאָר וועט קאָנפיסקירן אלע דיינע קראָמען אפן גרויסן מארק! ער וועט קאָנפיסקירן דאָס הויז, די גערט-נער, ער וועט צונעמען דיינע צווי זאוואָדן — גיי, און מאָן דערנאָך דיינע העזייקעס באם גובערנאטאָר.

— דו זאָגסט אן עמעס? דו לייגסט מיר ניט, וועבער? — האָט זיך ניט אָף א געלעכטער דערשראָקן פייזולא.

מיט פינף מינוט שפעטער זיינען באגאדור מיט לאקשמי איניינעם ארויסגעגאנגען פון פייזולאס גאָרטן.

— ווי אזוי ביסטו ארייַנגעפאלן צום סויכער, לאקשמי? — האָט זיך דער וועבער פאנאנדערגעפרעגט באם מיידל אפן וועג אהיים.

— מע האָט מיך געפונען אפן וועג. איך האָב א לאנגע צייט געפיבערט... ניט לאנג בין איך ארויס פון שפיטאָל... אינגאנצן אָן געלט... אפן וועג האָב איך באגעגנט א רייך געקליידעטע פרוי. מיר האָבן זיך צערעדט. זאָגט זי צו מיר: „ווילסט באקומען א שטעלע? פאָר מיט מיר אין באָמ-ביי! מיין זון האָט דאָרט א זיידן-פאבריק". זי האָט מיך שטארק צוגערעדט. איך האָב זיך פארלאָזט... און בין מיט איר אוועקגעפאָרן. איך האָב איבערהויפט געהאט אין זי-נען צו זוכן דערווייל דעם פאָטער.

די דאמע האָט פאר מיר געקויפט א בילעט, זי האָט מיך די גאנצע צייט געשפייזט, אָבער אויסער מיך האָט זי מיט-געפירט נאָך זעקס אָרעמע מיידלעך. מיר האָבן זיך גאָר ניט געכאפט, אז זי האנדלט מיט מיידלעך! דו האָסט מיך צו דער רעכטער צייט אויסגעלייזט, מיין האר! איך בין

שוין גרייט געווען צו נעמען זיך דאָס לעבן, אַזוי שלעכט איז מיר געווען...

— לאָמיר וועגן דעם איצטער ניט ריידן, לאַקשמי. לאָמיר שמועסן בעסער וועגן באַנגעשן.

— אָבער ווו איז ער מײַן פאָטער? פון וואַנען קענסטו אים?

— באַנגעש איז מײַנער אַ נאָענטער פריינט, קינד.

— פיר זשע מיך גיכער צום פאָטער! גיכער, גיכער... איך האָב שוין פאַשעט ניט קיין געדולד...

— אַזוי גיך קענסטו אים ניט זען, לאַקשמי. זײַ נאָר געדולדיק און... נעם זיך ניט צום האַרצן... אונזער באַנגעש זיצט אין טורמע — האָט שטיל געזאָגט באַגאַדור.

ווי דערפריייט האָט זיך מיטן מיידל די אַלטע דזשעכאַנאַ!

— אָרעם קינד! וויפל אומגליקן דו האָסט געהאַט איבערצולעבן! נו, איצט וועט שוין אַלץ אַוועקגיין גוט. אָט וועט איר זען — אונזער באַנגעשן וועט מען גיך גאָר גיך אַרויסלאָזן. סאַראַ שיינע דו ביזט! סאַראַ שיינע — איז ניסבאָעל געווען די אַלטע.

אין אָוונט זײַנען געקומען געוואָרע ווערן באַגאַדורן און דערוויסן זיך נײַס וועגן באַנגעשן אייניקע אַרבעטער— באַנגעשעס כאַווירים. דער שטרײַק האָט נאָך אַלץ געדויערט. עס האָבן געוואָרפן די אַרבעט די אַרבעטער פון נאָך אייניקע פאַבריקן, און די פאַבריקאַנטן האָבן געווילדעוועט און געריסן, ניט וויסנדיק, וואָס אַזוינס זיי זאָלן פאָרנעמען, קעדיי גיכער צו דערשטיקן די שטרײַקער.

מע האָט באַשלאָסן, אַז לאַקשמי זאָל זיך גיין מישטאַדל זײַן פאַרן פאָטער. אייניקע פון די אַרעסטירטע זײַנען שוין באַפרײַט געוואָרן—און באַנגעש האָט זיך גאָר ניט גע-

רעכנט צווישן די אָנפירער — פאר וואָס זשע זאָלן זיי אים ניט ארויסלאָזן?

דזשעכאנא האָט צוגעגרייט פאַר לאַקשמי אַ ווייכן, באַק-וועמען און אָנגענעמען געלעגער.

...דאָס איז געווען די ערשטע רויִקע נאכט בא לאַקשמי פאר אסאך מאָנאטן. די ערשטע און די לעצטע.

אפן פלאַץ

אף מאָרגן אין דער פרי האָט זיך לאַקשמי דערשלאָגן באם אויספאָרשער, ער זאָל זי אופנעמען. דזשעכאנא האָט זי אויסגעפוצט אין איר בעסטן שאַל, און די קאָנוואָיִרן האָבן לייַכט דורכגעלאָזט דאָס שיינע און גוט געקליידעטע מיידל אין געריכט ארייַן.

דער ענגלישער אויספאָרשער האָט אומגעדולדיק גע-פרעגט בא דער באזוכערן:

— נו, וואָס ווילסטו? וועגן וועמען בעטסטו?

— אף קינגסטאָנס פאבריק האָט מען ארעסטירט מײַ פאָטער. מע רופט אים — טשאנדרא... ער איז קיין שום פארברעכנס ניט באגאנגען...

— טשאנדרא? צו דען איז נאָך טשאנדרא ניט מורײַ? ביזט געריכט, מיידל. אים וועלן מיר באפרײַען. אביסל וועלן מיר אים צוהאלטן, און דאַן וועלן מיר אים באפרײַען. האָסט זיך ניט איבעריק וואָס צו באומרויִקן. קענסט גיין רויִק אהיים, מיידל.

— איך דאנק אײַך, גוטער, גוטער האר!

ווען דאָס מיידל איז שוין געשטאנען בא דער טיר, האָט זי פלוצלינג דער אויספאָרשער אָפגעשטעלט מיט א בא-פעלנדיקן אויסגעשריי:

— שטיי! קום נאָר אהער! לאָמיר שמועסן אביסל, קליינע.

און פאר זיך האָט ער א טראכט געטאָן: „לאָמיך נאָר א טאפּ טאָן, צו ווייס זי ניט עפּעס וועגן די איבעריקע ארעסטירטע, וועגן די אָנפירער".

לאקשמי האָט זיך א פלאטערנדיקע אומגעקערט צום טיש.

— הער נאָר, שיינע, דײַן פאָטער איז דאָך געוויס גאָר א גוטער פרײַנט מיט טשאטערדזשי, דעם פאָרזיצער פון פאריין, א? מיסטאָמע האָבן זיי פריִער געארבעט אינײנעם אין די שטיין-האקערײַען, א?

— קיינמאָל ניט, מײַן הער, גלויבט מיר, אז קיינמאָל אין לעבן ניט.

— באַ! באַ! אבי דו האָסט זיך שוין דערשראָקן! נו. וואָס קען דאָ זײַן, מיינסטו, אויב אפילו יאָ? דאָס האָט דאָך געקענט זײַן סײַדן מיט גאנצע דרײַ יאָר צוריק! אָבער דו לייקנסט ניט, אז דײַן פאָטער איז צו יענער צײַט געווען אין די שטיין-האקערײַען?

— דאָס האָט ניט געקענט געמאָלט זײַן, מײַן הער! שוין דערפאר אליין האָט עס ניט געקענט געמאָלט זײַן, ווײַל מײַן פאָטער האָט געדינט צו יענער צײַט אין מיליטער.

„אזוי, הייסט עס — האָט א טראכט געטאָן דער אויספאָרשער — טשאנדרא האָט וועגן זײַן מיליטער-דינסט מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט. הייסט עס, אז דאָ איז עפּעס געוויס ניט גלאטיק".

— ברענג נאָר אהער טשאנדראס איניען — האָט ער גלײַך אָפּגעגעבן דעם באפעל זײַן סעקרעטאר.

— מײַן הער! דער פאָטער מײַנער איז ניט געווען אין די שטיינהאקערײַען. איך זאָג אײַך דעם אמת, מײַן הער.

— אויסגעצייכנט, מיידל. הייסט עס, אז טשאנדרא האָט געדינט אין מיליטער? ווי אזוי איז זײַן פולער נאָמען! נו-

— קיינמאָל ניט, מײַן האַר, גלויבט מיר, אַז קיינמאָל אין לעבן ניט

נר, רייד. אז מע פרעגט בא דיר! א-ניט וועל איך דיך אויך הייסן ארײַנזעצן.

אין גיכן האָט דער אויספאָרשער פרײַגעלאָזט לאקשמי, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט זוכן אין די אלטע פּאָליציי-ישע באפעלן.

און מיט א האלבע שאָ שפעטער האָט ער שוין געהאט די מעגלעכקײַט איבערצוגעבן דעם פאבריקאנט קינגסטאָן, אז איינער פון די ארעסטירטע איז א געפערלעכער פאר-ברעכער און א דעזערטיר.

* * *

דער מיליטערישער געריכט איז געגאנגען צו ענדע.

אפן פלאץ, פאר דער געבײַדע פון געריכט, האָבן זיך געקליבן טויזנטער שטרײַקנדיקע ארבעטער פון באָמבײי און א קייט פון ענגלישע סאָלדאטן האָבן מיט שווערקײַטן קוים אײַנגעהאַלטן דעם דראנג פון האמוין.

מע האָט געמישפּעט דעם כאווער טשאנדרא, און קיינער פון די שטרײַקנדיקע האָט אזא מאָמענט ניט געקענט בלײַבן רויק.

אלע טעקסטילער האָבן געקענט און האָבן ליב געהאט באנגעשן. באנגעש האָט ניט מוירע געהאט אײַנצושטעלן זיך פאר די ארבעטער, ווען די מײַסטערס פלעגן זיי ארײַ-נארן אין כעזשבן. ער פלעגט זיך אײַנשטעלן פאר יעדן ארבעטער, וואָס עמיצער פון די העכערע פלעגט באליי-דיקן, כאָטש ער האָט גוט געוווסט, אז ער קען דערפאר אליין גוט באצאָלן.

די זון האָט געברענט אומדערבארעמדיק. צווישן הא-מוין האָבן זיך אומגעטראָגן די פרוכטן-פארקויפער מיט די קערב אף די קעפּ.

סאמע באם געריכט איז דער אוילעם געשטאנען גאָר געדיכט, ווי א וואנט. לאקשמי, באגאדור און דזשעכאנא זײַנען געשטאנען ארומגערינגלטע דורך באנגעשעס פאבריק-כאווירים.

די ארבעטער-רעדנער האָבן ניט געשוויגן. אמאָל דאָ און אמאָל דאָרט האָבן זיך געלאָזט הערן גאנץ שארפע ארויסטרעט נגען.

— די ענגלענדער האָבן אונז בעדייע צו זאָגן: „אָט וואָס פאר א פּאָנים עס האָט אײַער שטרײַק. אײַערע אָנפירער זײַנען פארברעכער!" אָבער אונדז איז ניט לײַכט צו פארפירן, כאוויירים! מיר שטרײַקן דערפאר, וואָס מע בארויבעוועט אונדז; בא אונדז נעמט מען צו דעם שלאָף, דעם אָפּרו, דעם מיטיק! און מיר וועלן אונדזער שטרײַק ניט איבעררײַסן, וויפל מע זאָל אונז ניט שרעקן! — האָט גערעדט א יונגער ארבעטער, וועלכער האָט זיך געהאלטן אף די פּלייצעס פון איינעם פון די כאוויירים.

— טשאנדרא האָט ניט אויסגעהאלטן, און ער האָט געענטפערט מיט א קלאפּ אף א קלאַנ — האָט אָפּגעהאלטן זײַן רעדע א צווייטער ארבעטער, — אָט פון וועמען מיר דארפן אראָפּנעמען א בײַשפּיל, כאוויירים!

— טססס... שטילער... וואָס רעדסטו! — האָט מען אים געגומען אײַנרויקן פון האמוין.

— פאָרזיכטיקער, פרײַנט... איצט איז ניט די צײַט...

— האָט אין דער שטיל געזאָגט דעם רעדנער איינער אן עלטערער ארבעטער.

* * *

ווען אין די טירן פון געריכט האָבן זיך באוויזן די ענגלענדער, האָט זיך דער האמוין צונויפגערוקט שטײַפער איינער צום אנדערן, און אלע האָבן זיך צוגעגרייט עפּעס צו דערוויסן זיך...

עס איז געוואָרן טויט שטיל... די אַרבעטער האָבן אונ־טערגעכאַפּט יעדן וואָרט פון די ענגלענדער, וואָס האָבן זיך רויִק אַראָפּגעלאָזט פון די מירמלנע טרעפּ.

— וווּהין גייט איר, עמפּשיִר?

— איך גיי אַהיים. איך האָב נאָך ניט געפּרישטיקט, דיק.

— פונדעסטוועגן האָב איך זיך ניט געריכט אויף אַזאַ אורטייל, עמפּשיִר!

— פאַרוואָס? וואָלסט וועלן, מע זאָל זיי גלעטן איבער די קעפּ פאַר אַזעלכע זאַכן? מע וועט אופהייענגען אייבעם, וועט זיך אַנדערע ניט וועלן.

— מע וועט אופהייענגען! טשאַנדראַ וועט מען הייִנ־גען.— וואָס, וואָס?— עס קען ניט זיין!— ווער האָט גע־זאָגט? ווער? הייִנגען גאָר?— איבערן גאַנצן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ געפּערלעכער טומל.

אַן אָפּטייל קאָנוואָירן האָט זיך אויסגעשטעלט אויף די טרעפּ. מע האָט דערלאַנגט דעם אַרעסטאַנטן־אויטאָמאָביל און באַנגעש טשאַנדראַ, אַן אַרומגערינגלטער מיטן קאָנ־וואָי, האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן איבער די ווייסע טרעפּ.

ווי בלענדנדיק עס האָט געשייַנט די זון! טויזנטער פּרייַנטלעכע בליקן האָבן זיך געצויגן אַנטקעגן דעם פאַר־מישפּעטן.

מיט אַ לעצטן געזעגענונג־בליק האָט באַנגעש אופגע־הויבן די האַנט, וואָס איז געשמידט געווען אין שטאָל.

— טשאַנדראַ! אונזער טשאַנדראַ!— דער האַמוין האָט זיך אַ ריס געטאָן פאָרויס...

און באַלד איז ער צוריק שטיל געוואָרן, ווי אַלע וואָלטן דעם אָטעם אייַנגעהאַלטן.

— פּאָטער! גיב אַ קוק אויף מיר, פּאָטער!— האָט זיך צעכליפּעט אַן אומגעריכטע פרויען־שטימע.

דער האמוין האָט זיך א לאָז געטאָן פאָרויס... נאָך א מינוט—און באנגעש וואָלט אָפגעראטעוועט געוואָרן

— לאקשמי! טאָכטער! — עס איז געווען עטוואָס דער־שיטערנדיקעס אין באנגעשעס אויסגעשריי — פארוונדערונג, פרייד, ווייטיק.

מער האָט שוין קיין זאך ניט געקענט איינהאלטן די צעכוואליעטע ארבעטער. דער האמוין האָט א ציטער געטאָן און... האָט זיך א לאָז געטאָן פאָרויס. אָט איז שוין איבערגעריסן געוואָרן די קייט פון די קאָנוואָירן... די סאָלדאטן זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן אָן א זייט... נאָך א מינוט און... באנגעש וואָלט אָפּגעראטעוועט געוואָרן.

אָבער ניט גרינג לאָזן ארויס די ענגלענדער זייער רויב פון די הענט. באלד האָט זיך צעטראָגן איבער די קעפּ א זאלפּ פון דער זייט פון געריכט, און איין קויל האָט ריכטיק געטראָפן אין ציל... באנגעש איז אנידערגעפאלן מיט א צעשמעטערטן קאָפּ.

איצט איז שוין געפלויגן א זאלפּ נאָך א זאלפּ. די שי־סעריי פון די ביקסן האָט פארהילכט די געשרייען, זיפצן און קלאָלעס, און הונדערטער צעבלוטיקטע קערפּערס האָט איבערגעלאָזט אפן פלאץ דער צעשטורעמטער האמוין..

א שמועס וועגן אינדיע

ווײַט אפֿן מיזרעך ליגט דאָס לאנד אינדיע — דאָס רײַכע און שײנע לאנד.

פֿון דרײַ זײַטן איז אינדיע ארומגערינגלט מיט יאמען.

די העכסטע בערג אין דער וועלט טײלן אָפּ אינדיע פֿון אנדערע לענדער.

אין אינדיע איז קײנמאָל ניט קאלט. פֿון יוני ביז אוו־גוסט גיסן ווארעמע שלאקס־רעגנס, און דערנאָך הויבן זיך אָן די היצן.

אויב אין אינדיע טרעפֿט זיך א טריקעניש, דאַן ווערט פֿארפֿאלן דאָס גאנצע ברויט, ביז א קערנדל. מיליאָנען פֿוי־ערים קומען אום פֿון הונגער און קראנקײַטן. אין יאָר 1919 זײַנען פֿון דערשעפּונג אומגעקומען 8 מיליאָן מענטשן.

אינדיע האָט א באפֿעלקערונג פֿין 320 מיליאָן — מיט העכער צוויי מאָל מער אײַנוווינער, ווי בא אונז אין לאנד. די אינדוסן זײַנען אן ארבעטזאם און פֿײַן פֿאָלק די הויט איז בא זײ א העל־ברוינע, טונקעלער ווי בא אונדז. אין די אינדישע וועלדער וווינען אויך אזעלכע שוואַטים, וואָס די הויט איז בא זײ אינגאנצן א שווארצע, און זײ זײַ־נען ענליך צו די נעגערס.

ניטאָ, דאכט זיך, נאָך אזא רײַך לאנד, ווי אינדיע. און דאָך לעבט דאָס אינדישע פֿויערטום אין שרעקלעכער נויט. די פֿויערים באזיצן ניט קײן אײגענע ערד. די ערד דארפֿן זײ נעמען אין ארענדע בא די פּריצים. אויסער דעם צאָלן די אינדישע פֿויערים אומגעהויערע שטײַערן דער ענגלי־שער רעגירונג.

מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק קימאט זײַנען די ענג־לענדער ארײַנגעדרונגען אין אינדיע און האָבן זיך דאָ צו־לײגט, ווי בא זיך אין דער היים, אונטער דער מאסקע פֿון

א האנדלס-קאמפאניע. ביסעכוויַז האָבן זיי איַנגענומען גאנץ אינדיע און האָבן זי דערקלערט אלס אן ענגלישע קאָלאָניע. דאָס האָט געהייסן, אז פארוואלטן מיט אינדיע וועט דער ענגלישער קעניג, און אלע אירע ריַכטימער און האכנאָסעס וועלן געהערן צו ענגלאנד.

די ארבעטער פון די אינדישע פאבריקן און זאוואָדן לעבן נאָך ערגער, איידער די פויערים. אָבער זיי פירן א קאמף פאר א בעסערער לאגע. אָפט דערקלערן זיי שטריַקן, ניט אָפשרעקנדיק זיך פאר בלוטיקע באפאלן.

אין 1927 י. האָבן אין אינדיע געשטריַקט 131 טויזנט מאן.

און אין יאָר 1928 האָבן זיך אין די שטריַקן באטייליקט שוין 506 טויזנט ארבעטער.

נאָך שטארקער האָט זיך צעפלאקערט דער קאמף אין יאָר 1929 אין איין באָמבייער ראיאָן האָבן געשטריַקט 150 טויזנט ארבעטער.

די באלעבאטים פון די פאבריקן באמיען זיך צו זייען האס צווישן די שטריַקער און זייען צווישן זיי מאכלויקעסן. זיי נוצן אויס אויך דעם ניזערטרעכטיקסטן מיטל—דעם רעליגיעזן אונטערשייד. זיי העצן די ארבעטער אינדוסן אף די מוסולמענער און פארקער'ט.

אין דער צייַט פון די צוזאמענשטויסן פארכאפן די פאָליציי און ווארפט אריַן אין די טורמעס די אָנפירער פון דער ארבעטער-באוועגונג, זי פאָגראָמירט די געביַדעס פון די פראָפעסיאָנעלע פאריינ ן און צעשיסט אף די גאסן הונדערטער פרידליכע בירגער.

אָבער דער קאמף ווערט ניט אָפגעשטעלט. און ער וועט ניט אָפגעשטעלט ווערן, קאָלזמאן די ארבעטער און פויערים פון אינדיע וועלן ניט ארויסטריַבן אלע זייערע באדריקער. און דאן וועט אינדיע אויך פארוואנדלט ווערן אין א פריַען סאָוועטישן לאנד.

אינהאַלט

זײַט

דער שפאציר פון מוטי-סינג 3
באטס פאמיליע 14
דער צוריקקער פון באנגעשן 21
אין שווערן וועג 33
בענארעס 47
באנגעש אין באמביי 54
די פאבריק „קינגסטאן און קאמפאניע“ 62
לאקשמי 72
אפן פלאץ 78
א שמועס וועגן אינדיע 86

Цена 40 коп.